# צו דער געשיכטע

# פון דער בעלגישער אַרבייטערבעוועגונג.

## אַ קליינע הקדמה.

אין אַפּריל 1895 האָבען די בעלגישע[1]) אַרבייטער געפייערט דעם צעהניאָהריגען יובילעאום פון זייער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבייטערפּאַרטיי. אין דעם קליינעם משך האָט די יונגע פּאַרטיי זעהר פיעל דערגרייכט: אין 1893-טען יאָהר האָט זי זיך דערשלאָגען צום וואַהלרעכט — דעם רעכט אויסצוקלייבען פאָרשטעהער אין פּאַרלאַמענט (אַ פערזאַמלונג פון די אויסגעקליבענע פון פאָלק, וועלכע גיט אַרויס די געזעצען), און אין אָקטאָבער 1894-טען יאָהר האָט זי מנצח געווען אויף די וואַהלען, וועלכע זיינען דאַן פאָרגעקומען.

אין דעם קליינעם ביכעל ווילען מיר דערצעהלען, ווי די אַרבייטער האָבען דאָרטען געשטריטען פאַר'ן וואַהלרעכט, ווי זיי האָבען זיך דאָס דערשלאָגען און ווי זיי האָבען זיך דערמיט בענוצט.

---

[1]) בעלגיען ליגט אין מערב-זייט פון אייראָפּא, צווישען האָלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

# I. דער שטרייט פון די בעלגישע אַרבייטער

## איידער עס האָט זיך בײַ זיי געגרינדעט אַן אַרבייטער-פּאַרטיי.

נאָך מיט 50 יאָהר צוריק האָט זיך שוין אין בעלגיען ענטוויקעלט די גרויסע פּראָדוקציאָן אויף די פאַבריקען און אין שטיינקאָהלען-גרובען. ווי אומעטום, אַזוי האָט אויך דאָרט די גרויסע פּראָדוקציאָן געבראַכט דעם אַרבייטער גרויסע אונגליקען: אַ שרעקליך לאַנגען אַרבייטסטאָג, זעהר קליינע שכירות, אַרבייטס-לאָזיגקייט, פערשיעדענע קראַנקהייטען, אויסצערונגען, פון וועלכע עס האָבען מעהר ווי אַלע געליטען די פרויען און קינדער. די לאַגע פון די בעלגישע אַרבייטער איז דאַן געוועזען פונקט אַזוי שרעקליך, ווי היינט די לאַגע פון די רוסישע אַרבייטער. די פאַבריקאַנטען האָבען פערדיענט מיליאָנען און געלעבט אין לוקסוס, און די אַרבייטער פלעגען, האָרעוועניג 14-16 שעה אַ טאָג, הונגערען, פערליערען דעם געזונד און שטאַרבען פאַר דער צייט.

די גאַנצע רעגירונגסמאַכט, די גאַנצע הערשאַפט איז געלעגען ביי די קאַפּיטאַליסטען אין די הענד. שוין פון 1831-טען יאָהר אָן עקסיסטירט אין בעלגיען אַ קאָנסטיטוציע (אַ הויפּט-מלוכה-געזעץ וועגען די רעכטען פון די בירגער). דיזע קאָנס-טיטוציע בעגרענעצט שטאַרק די מאַכט פון קיסר. ער אַליין טאָר ניט אַרויסגעבען קיין געזעצען, דאָס געהערט צום פּאַרלאַמענט, צו דער פערזאַמלונג פון די פאָרשטעהער. די מיניסטאָרען, וועלכע ווערען געשטעלט פון קיסר, דאַרפען אָבגעבען דין-וחשבון פאַר'ן פּאַרלאַמענט פאַר אַלץ, וואָס זיי טהוען. דער פּאַרלאַמענט

קען זיי אַראָבּיאַרפען, ווען ער וויל, און נויטען דעם קיסר אויס- צוקלייבען אַנדערע מיניסטאָרען. אַזאַ קאָנסטיטוציע איז דאָך, דאַכט זיך, גאַנץ גוט, זי לאָזט דעם קיסר מיט זיינע מיניסטאָרען ניט טהאָן אַלץ וואָס זיי פערוועלט זיך. אין אֶמת'ן אָבער איז דאָס פאַר'ן פאָלק נאָך ווענינ. כּדי אַזאַ קאָנסטיטוציע זאָל קענען בּריינגען נוצען דעם פאָלק, דאַרף זיין נאָך אַ פּ ו נ ק ט: די רעגירונגס מאַכט וואָס מען האָט צוגענומען בּיי'ם קיסר, זאָל געהערען דעם פאָלק, די פאָרשטעהער אין פּאַרלאַמענט זאָלען אויסגעקליבען ווערען ניט נאָר פון רייכע אַליין, נאָר פון ג אַ נ צ ע ן פאָלק, פון אַלע בּירגער. אין בּעלגיען איז דאָס אָבער ניט אַזוי געוועזען. די קאָנסטיטוציע פון 1831-טען יאָהר האָט איבּער- געגעבּען די מאַכט אַ קאָמפּאַניע פון רייכע קאַפּיטאַליסטען, פאַבּריקאַנטען, פּריצים, סוחרים און נאָך אַזוינע בּלוטצאַפּערס, פּיאַוקעס, וואָרום די קאָנסטיטוציע האָט געגעבּען דעם וואַהלרעכט נאָר אַזעלכע בּירגער, וועלכע האָבּען געצאָהלט דירעקטע [1] אָבּ- צאָהלונגען ניט ווענינער ווי 17 רובּל אַ יאָהר. פערשטעהט זיך, אַז די אויסגעקליבּענע דעפּוטאַטען פלעגען זיין ניט בּעסער פון די, וועלכע עס פלעגען זיי אויסקלייבּען. די קאַפּיטאַליסטען פלעגען אויסקלייבּען זייערע אייגענע מענשען, שונאים פון אַרבּייטערקלאַס, וועלכע פלעגען נאָר זוכען אַ טובה צו טהאָן די רייכע; זיי פלעגען אַרויסגעבּען אַזוינע געזעצען, וואָס האָבּען גע- קענט בּריינגען נוצען נאָר די קאַפּיטאַליסטען; וועגען די אַרבּייטער האָבּען זיי ווענינ וואָס גע'דאגה'ט.

אָט אַזוי האָבּען זיך קאַפּיטאַליסטען געזאַמעלט עשירות

---

[1]) אָבּצאָהלונגען זיינען דא דירעקטע און ניט דירעקטע. דירעקטע הייסען אַזוינע אבּצאהלונגען, וואס זיינען ארויפגעלעגט אויף אייגענס און הכנסות. ניט דירעקטע—אַזוינע, וואס זיינען ארויפגעלייגט אויף די לעבּענס- מיטלען. די דירעקטע אָבּצאָהלונגען פאלען אויף די פערמעגענדע קלאסען; די ניט דירעקטע דריקען מיט זייער משא די ארעמע קלאסען, און זיינען דערבּיי נאך מיט דעם שעדליכער, וואס בּיי זיי זעהט מען ניט קלאָר ארויס, וואוהין און פאר וואס מען צאהלט.

אויפ'ן חשבון פון די אַרבייטער און האָבען געוועלטיגט איבער זיי אין דער מלוכה. יעדער פאַבריקאַנט בעזונדער איז זיך געווען אַ קיסר ביי זיך אויפ'ן פאַבריק; ער האָט געדריקט, געשטיקט און געטהאָן מיט זיינע אַרבייטער, וואָס זיין הארץ האָט זיך געלוסט; און דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטענקלאַס, די גאַנצע בורזשואַזיע איז געווען אַ'ן אויבערהאַר איבער'ן גאַנצען אַרבייטער־קלאַס. זיי, די רייכע, זיינען געווען זיכער, אַז קיינער וועט זיי אַ וואָרט ניט ריידען, ווייל זיי האָבען געהאַט אין פאַרלאַמענט זייערע אייגענע פאָרשטעהער, די פאָרשטעהער האָבען וועגען זיי געזאָרגט מיט דער זעלבער מוטערליכער טרייהייט, מיט וועל־כער עס זאָרגען וועגען די קאַפּיטאַליסטען און דעם אַדעל די רוסישע מיניסטאָרען, גובערנאַטאָרען און בעאַמטע.

אַ גאַנץ גוטען לעבען האָבען דאַמאָלסט פערבראַכט די בעלגישע בלוטצאַפּער! אונטער די פליגלען פון זייערע פאָר־שטעהער און דער רעגירונג האָבען זיי זיך געפילט ווי אונטער אַ'ן אייזערנע וואַנד. ניט אומזיסט האָט זיך דאַמאָלסט בעלגיען גערופען „דער קאַפּיטאַליסטישער גן-עדן!" דער גן-עדן פון די קאַפּיטאַליסטען אָבער איז געווען אַ'ן אמת'ער גיהנום פאַר די אַרבייטער. לאַנג, זעהר לאַנג, האָבען די בעלגישע אַרבייטער געליטען די שרעקליכסטע צרות און ליידען, ניט זעהענדיג קיין מיטעל ווי פּטור צו ווערען פון זיי, ניט וויסענדיג פון דעם איינ־ציגען און בעסטען מיטעל — פון שטרייט.

אַרבייטער הויבען אין קיין אָרט ניט אָן מיט אַ מאָל צו שטרייטען. נאָר לאַנגע גרויסע צרות ווייזען זיי, אַז כדי פּטור צו ווערען פון די צרות מוזען זיי שטרייטען מיט זייערע פיינד, ווי נור זיי האָבען דאָס פערשטאַנען, פערבינדען זיי זיך אין בונדען כדי צו פיהרען דעם שטרייט אַלע אין איינעם—אין אַרבייטער־בונדען, וואָס קעמפּפען געגען די קאַפּיטאַליסטען פאַר די פער־העכערונג פון די שכירות, פאַר די פערקלענערונג פון אַרבייטסטאָג פאַר די פערניכטונג פון די שטראָפען און נאָך אַ סך אַנדערע פער־פאָלגונגען פון די בעלי-בתים — אַזוינע בונדען זיינען דאָס רוב די

ערסטע פראָבע, וועלכע די אַרבײַטער מאַכען אום צו פערגרינגערען זײַער לאַגע. אין דאָס רוב לענדער שטרײַטען די אַרבײַטער פון אָנהויב מיט זײַערע נעהענטסטע שונאים, מיט אײנציגע בעלי-הבתים. נאָר וואָס ווײַטער זעהען זײ אַלץ דײַטליכער אַרוים, אַז אין זײער שלעכטער לאַגע זײַנען שולדיג ניט נאָר אײנצעלנע בעלי-הבתים, נאָר דער גאַנצער קלאַס בעלי-הבתים, די בור-זשואַזיע וועלכע ווערט געשטיצט דורך דער רעגירונג. דאַמאָלסט הויבען די אַרבײַטער אויך אָן אַ שטרײַט מיט דער רעגי-רונג. זײ הויבען אָן צו קעמפפען פאַר פּאָליטישע רעכטען, בעזונדערס פאַר'ן וואַהלרעכט, כּדי זײ זאָלען קענען דורכפיהרען פאַר זיך גוטע געזעצען, און מיט דער צײַט פערהאַפּען די מלוכה-מאַכט אין זײַערע הענד.

אַזוי איז אויך צוגעגאַנגען אין בעלגיען. פון אָנהויב האָבען דאָרטען די אַרבײַטער געמאַכט בונדען צום שטרײַט מיט די בעלי-הבתים; שפּעטער האָבען זײ געגרינדעט אַ'ן אַרבײַטער-פּאַרטײ, ד. ה. אַ בונד פון גאַנצען אַרבײַטערקלאַס, כּדי צו פיהרען אַ פּאָליטישען קאַמפּף מיט דער רעגירונג און מיט דער גאַנצער עקזיסטירענדען אָרדנונג.

פון די ערשטע בעלגישע בונדען זײַנען בעזונדערס וויכטיג די בונדען פון שפּינער און וועבער, וועלכע האָבען זיך געגרינ-דעט אין גענט [1]) אין 1857 יאָהר. דער בונד פון די וועבער עקסיסטירט נאָך עד-היום, די בעלי-הבתים מיט דער רעגירונג, ווי נור זײ האָבען זיך דערוואוסט פון דעם, האָבען זײ מיט אַלע מיני קונצען זיך געסטאַרעט צו פערניכטען די בונדען; זײ האָבען זיך ניט געשעמט אַנצואָווענדען געוואַלט. די בעלי-הבתים פלעגען אָבזאָגען די מיטגליעדער פון די בונדען, און די רעגירונג פלעגט זײ זעצען אין געפענגניס. אָבער ניט דער הונגער און ניט געפענגניס האָבען ניט אָבגעשראָקען די אַרבײַטער, זײ פלעגען מאַכען זײַערע פערזאַמלונגען ערגעץ וואו, אין קעלערען אָדער אין שטאַלען.

[1]) א שטאדט אין בעלגיען.

דִי אָנפִיהרער פון בֵּיידע בּונדען, וועלכע זַיינען געבליבען אָהן אַרבּייט האָבּען געעפענט טראַקטירען, אַבִּי חאָטש נִיט שטאַרבּען פאַר הונגער. איינער פון דִי טראַקטירען איז געוואָרען דער שטענדִיגער פערזאַמלונגסאָרט פון דִי אָרגאַניזירטע אַרבּייטער, דאָרטען אונטער דער פאָדלאָגע איז געלעגען בּעהאַלטען דִי געלד פון דִי פעראיינען. בּשעת אִין זייער קאַסע האָט זִיךְ אויפגעקליבּען הִיבּשע געלד, האָבּען דִי וועבּער און שפִּינער אָנגעהויבּען אַ שטרייק. דִי אַרבּייט האָט זִיךְ אָבּגעשטעלט אויף אַלע בּאַוועלפאַבּרִיקען פון געגנט. דִי אַרבּייטער האָבּען געפאָדערט גרעסערע שכירות און מען זאָל זיי צאָהלען מִיט בּאַרע געלד, און נִיט מִיט קיין פערפוילטע, צוגעלעגענע סחורה פון דִי פאַבּריטשנע קראָמען, ווי מען האָט זיי בִּיז דאַן געצאָהלט. דִי רעגִירונג, געוועהנלִיךְ, האָט גלייךְ אַרויסגעוויזען איהר מוטערלִיבּע צו דִי פאַבּרִיקאַנטען און האָט אָנגעהויבּען צו אַרעסטִירען פון דִי שטרייקענדע יעדערען, וועלכע עס אִיז נאָר אַריינגעפאַלען אִין האַנד. דער געריכט האָט צוגע'משפט 500 אַרבּייטער צו פערשִידענע בּעשטראָפונגען און דעם אָנפִיהרער פון דִי וועבּער האָט מען אַריינגעזעצט אִין געפענגנִיס אויף 2 יאָהר. אויסערדעם האָט נאָךְ דִי רעגִירונג אויסגעשפִּיאָנעוועט וואו עס אִיז געווען בּעהאַלטען דִי געלד פון בּונד און האָט דאָס מִיט געוואַלט צוגענומען. אָבּער דִי אַלע פערפאָלגונגען האָבּען גאָר נִיט געהאָלפען. דִי אַרבּייטער זַיינען געבּלִיבּען בּיי דאָס זייערִיגע און דִי בּעלי-הבּתים האָבּען סוף כּל סוף זִיךְ געמוזט אונטערגעבּען און ערפִילען אַלץ, וואָס דִי אַרבּייטער האָבּען געפאָדערט.

דער נצחון האָט דִי אַרבּייטער דערוויזען, וואָס פאַר אַ גרויסע מאַכט עס לִיעגט אִין דער אחדות פון דִי אַרבּייטער, אִין געמיינזאַמען שטרייט, און בּאַלד נאָכדעם האָבּען אִין געגנט אויךְ דִי אַרבּייטער פון דִי מעטאַל-פאַבּרִיקען געגרִינדעט אַ בּונד, אִין 1860 יאָהר האָבּען זִיךְ אַלע בּונדען צוזאַמענגעגאָסען אִין איין אַלגעמיינעם „בּונד פון דִי געגנטער אַרבּייטער".

פון 1867-טען יאָהר אָן פערשפרייטען זִיךְ דִי בּונדען

איבּער גאַנץ בּעלגיִען. אין דעם זעלבּיִגען יאָהר שפּראָצען אַרויס נאָך פִּיעל נײַע בּונדען, וועלכע שטעהען צוּ צו דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבּײַטער געזעלשאַפט" [1]). וואָס ווײַטער האָט זיך די אַרבּײַטערבּעוועגונג אַלץ מעהר געשטאַרקט און די בּעלגיִשע אַרבּײַטער האָבּען אַלץ מעהרער און מעהרער פערשטאַנען, וואָס זיי דאַרפען זיך דערשלאָגען מיִט זייער שטרײַט. ניִט בּענוּגענדיִג זיך מיִט'ן קאַמפף פאַר דער פערבּעסערונג פון זייער לאַגע, האָבּען די בּעלגיִשע אַרבּײַטער אָנגעהויבּען צו שטרעבּען צום זעלבּען ציִעל, צו וועלכען עס האָבּען געשטרעבּט פיִעלע ענטוויִקעלטע מיִטגליִעדער פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבּײַטער געזעלשאַפט" — צו דער פאָלקאָמער בּעפרײַאונג פון גאַנצען אַרבּײַטערקלאַס. די מיִטגליִעדער פון די אַרבּײַטער בּונדען האָבּען אָנגעהויבּען צו פערשטעהען, אַז כּדי צו בּעפרײַען דעם אַרבּײַטער, כּדי צו פערניִכטען זײַן אָבּהענגיִגקײַט פון די רײַכע, מוז מען פערניִכטען דעם פּריוואַטאייגענטהום פון די פּראָדוקציאָנסמיִטלען, ד. ה. מען מוז זעהן, אַז אַלע פּראָדוקציאָנסמיִטלען, פאַבּריִקען, זאַוואָדען, קויהלען-און מעטאַל-גרוּבּען, און די ערד זאָלען געהערען ניִט איינציִגע מענשען, נאָר דער גאַנצער געזעלשאַפט, זיי זאָלען ווערען געזעלשאַפטליִכער אייגענטהום. מיִט איין וואָרט זיי זײַנען געוואָרען ס אָ צ י אַ ל יִ ס ט ע ן.

צום אונגליִק אָבּער איז אין אָנהויבּ פון די 70-גער יאָהרען די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבּײַטער געזעלשאַפט" איבּער פיִעלע אורזאַכען צופאַלען און צוזאַמען מיִט איהר זײַנען אויך פאַנאַנדער געפאַלען דאָס רוב פון די בּעלגיִשע בּונדען, וואָס האָבּען געהערט צו איהר. די אַרבּײַטער-בּעוועגונג איז מיִט אַ מאָל אָבּגעשוואַכט געוואָרען.

[1]) די „אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער געזעלשאפט" איז געגרינדעט געװאָרען אין 1864 טען יאהר. איהר ציעל איז געוועזן צו פעראייניגען אלע ארבייטער פון פערשיעדענע לענדער, כדי צו שטרייטען פאר א פאָלקאָמענע בעפרייאונג פון גאנצען ארבייטערקלאס, כדי אין גאנצען אראבצעווארפען פון זיך דעם יאָך פון קאפיטאליזם און איינצופיהרען א סאָציאליסטישע אָרדנונג.

אָבער אין אַ יאָהר 10 אַרום האָט דער קאַמפּף גאָר פון דאָס נײַ אָבגעלעבט.

אין אָנהויב פון די 80-גער יאָהרען האָבען זיך אַלע אַר־בײַטערבונדען פון פלאַמאַנדישען [1]) בעלגיען פערא״יניגט אין אַ „פלאַמאַנדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטײ״ און באַלד נאָכדעם דעם 5-טען אַפּריל 1885-טען יאָהר, האָט זיך אין ברויסעל, (די הויפּטשטאָדט פון בעלגיען) צוזאַמענגעקליבען אַ קאָנגרעס פון 200 אַרבײַטער, פאָרשטעהער פון 59 בונדען. אויף דעם צוזאַמענפאָהר האָט מען געגרינדעט די „אַרבײַטער פּאַרטײ״, וועלכע האָט פערא״יניגט אַלע אַרבײַטער פון גאַנץ בעלגיען. די גרינדער און די פיהרער פון דער נײַער פּאַרטײ זײַנען געוועזען: וואָלדערס, דער פאָרשטעהער פון די ברויסעלער אַרבײַטער, אַנסעל, דער פאָרשטעהער פון גענטער אַרבײַטער, און דעפּאַפּ, אַ געוועזענער זעצער, וועלכער איז דערנאָך גע־וואָרען אַ דאָקטאָר און אַ געלעהרטער שרײַבער. דער פיהרער פון די בעלגישע אַרבײַטער זײַט — דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבײַטער געזעלשאַפט״.

---

## 2. דער שטרײַט פון דער אַרבײַטער-פּאַרטײ

## פאַר'ן וואַהלרעכט און די פריהלינג־סטרײַקען פון 1886 יאָהר.

זינט עס האָט זיך געגרינדעט די אַרבײַטערפּאַרטײ, האָבען די בעלגישע אַרבײַטער ניט אויפגעהערט צו שטרײַטען פאַר פרײַהײַט. די אַרבײַטערפּאַרטײ האָט זיך גלײַך פון אָנהויב גע־שטעלט דעם אייגענעם ציעל, ווי די סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַרבײַטער פּאַרטײען פון אַלע איבעריגע לענדער: בעפרײַען די

---

[1]) די אײנוואָהנער פון בעלגיען געהערען צו צוויי שבטים: וואַלאָנישען און פלאַמאַנדישען. די וואַלאָנער רעדען פראַנצויזיש, די פלאַמאַנדען — פלאַמאַנדיש.

אַרבײַטער פון דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. אום דאָס אויסצופיִהרען מוז דער אַרבײַטערקלאַס האָבען פּאָליטישע רעכטען: דאָס רעכט צו שטימען בײַ'ם בעשליִסען פון די מלוכה ענינים, בײַ דעם אַרויסגעבען געזעצען, ד. ה. דאָס רעכט אויסצוקלײַבען פאָרשטעהער אין פּאַרלאַמענט; דאָס רעכט צו מאַכען בונדען צום קאַמפף פאַר זײַנע אינטערעסען; דאָס רעכט צו מאַכען פערזאַמלונגען, אויף וועלכער ער זאָל קענען אַרומרעדען זײַנע עסקים; דאָס רעכט פרײַ צו שרײַבען און דרוקען צײַטונגען און ביכער, כדי צו בילדען אַלע אַרבײַטער (פרײַהײַט פון דער פּרעסע) א. ז. וו.

דער וויכטיגסטער פון אַלע רעכטען אין דער וואַהלרעכט, דער רעכט אויסצוקלײַבען פאָרשטעהער, ווײַל זיי גיבען אַרויס די געזעצען און ווײַזען די מיניסטאָרען, ווי יענע זאָלען פיהרען דאָס לאַנד. אָט דיזען וויכטיגען רעכט האָבען די בעלגישע אַרבייטער ניט געהאַט. דעריבער האָט די בעלגישע אַרבײַטערפּאַרטיי גלײַך אָנגעהויבען צו פיהרען אַ שטרײַט פאַר דעם אַלגעמיינעם וואַהלרעכט. די אַנדערע פּאָליטישע רעכטען, וועלכע די אַרבײַטער האָבען שוין געהאַט, האָבען זיי געבראַכט אין זייער קאַמפף זעהר פיעל נוטצען: די אַרבײַטער האָבען למשל געהאַט דאָס רעכט צו מאַכען בונדען, פערזאַמלונגען, פרײַ צו רעדען, שרײַבען, דרוקען, די יונגע אַרבײַטערפּאַרטיי האָט אָנגעווענדט איהרע גאַנצע קרעפטען צו גרינדען וואָס מעהר נײַע בונדען און צו פעראייניגען זיי מיט זיך, אַרויסצוגעבען צײַטונגען און ביכלעך פאַר די אַרבײַטער, צוזאַמענצורופען גרויסע פערזאַמלונגען, אויף וועלכע די אַרבײַטער פלעגען גערופען ווערען צום קאַמפף פאַר'ן וואַהלרעכט. די קרעפטען פון דער אַרבײַטערפּאַרטיי זײַנען געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, די אַרבײַטער זײַנען צוגעשטאַנען צו איהר אַלץ אין אַ גרעסערער צאָהל און האָבען אַלץ העכער און פעסטער געפאָדערט דעם וואַהלרעכט.

דער קאַמפף האָט שוין אין 1886 יאָהר אָנגענומען ריזיגע

און מורא׳דיגע פארמען. אין אַלע שטעדט און פאַבריטשנע גע־
גענדען זײַנען פארגעקומען אהן אַ שיעור פערזאַמלונגען, אויף
וועלכע די אַרבײַטער האבען מיט איין קול געפאָדערט די אײַנ־
פיהרונג פון אַלגעמײַנעם וואהלרעכט.

אין זעלבען יאָהר האבען זיך פון פריהלינג אָן אומע־
טום אנגעהויבען שטרײַקען, בעזונדערס בײַ די קויהלען-גרובען,
וועלכע זײַנען דאָ זעהר פיעל אין בעלגיען. די שטרײַקענדע
פלעגען געהען איבער די קויהלען-גרובען, פאַבריקען און זאַוואָ־
דען און רופען די איבריגע אַרבײַטער, וועלכע זײַנען נאָך ניט
צוגעשטאַנען צום שטרײַק, זיי זאָלען אויך וואַרפען די אַרבײַט.
דער גרעסטער טייל פון די שטרײַקענדע האבען נאָך ניט געהערט
צו דער ארבײַטערפּארטײַ, זיי האבען מעהר ניט געפאָדערט
העכערע שכירות, אָדער זיי האבען ניט געוואָלט לאָזען אַראָפּרײַ־
סען פון די שכירות וועלכע זײַנען שוין אַזוי אויך געוועזען גענוג
קליין. די בעלגישע רעגירונג, די רעגירונג פון דער בורזשואַזיע,
האט זיך ווידער אנגענומען פאַר די פאַבריקאַנטען. זי האט
אנגעווענדעט דעם זעלבען מיטעל, וועלכע עס בענוצט די רוסישע
רעגירונג, בשעת עס מאַכט זיך אַ גרויסער שטרײַק. זי האט
אַרויסגעשיקט געגען די „בונטאָוושטשיקעס" חיל.
אין פיעלע ערטער איז פאָרגעקומען אַ בלוטיגער שטרײַט צווישען
די שטרײַקענדע און די סאָלדאַטען. די אַרבײַטער, וואָס זײַנען
שוין פון לאַנג געוועזען ערבּיטערט געגען די בעלי-בתים, וועלכע
פלעגען פון זיי אויסזויגען די בלוט, ווי פּיאַוקעס, פלעגען אָפט
אַרויפפאַלען אויף די פאַבריקען און זיי חרוב מאַכען: צוברעכען
די מאַשינעס, אונטערצינדען די הײַזער. מעהר ווי אויף דאָס
האבען די זעלנער ניט געוואַרט. זיי פלעגען זיך נעהמען „מאַכען
אָרדנונג", שיסענדיג אויף די מאַסע מאַנסלײַט, פרויען און
קינדער, ניט קוקענדיג אויב גערעכט אָדער אונגערעכט. די אַר־
בײַטער זײַנען געוועזען ניט בעוואָפענט, מיט שטעקענס און שטיי־
נער איז געוועזען אונמעגליך זיך אָבצוואָרעהרען פון ביקסען און קוי־
לען; די אַרבײַטער פלעגען זיך צולויפען, און לאָזען הינטער זיך

אַ סך טויטע און פערוואונדעטע. די זעלנער פלעגען אָנהויבען און פּאָליציי פלעגט ענדיגען: זי פלעגט נאָכשפּיאָניערען די אָנפיה-רער און זיי אַרעסטירען. אין אַ קורצע צייט אַרום זיינען אַ סך פון די אַרעסטירטע פער'משפּט געוואָרען: ווער אויף 10, ווער אויף 20 יאָהר קאַטאָרגע און ווער אויף מעהערער יאָהרען גע-פענגניס.

צום שטרייק פון 86-טען יאָהר זיינען די ארבייטער ניט געווען צוגעגרייט: זיי האָבען ניט געהאַט קיין בונדען, ניט קיין געלד דורכצולעבען די צייט פון שטרייק. דעם שטרייק האָבען זיי אָנגעהויבען פשוט דערפאַר ווייל, דער נויט האָט זיי געבראַכט דערצו. זיי האָבען שוין ניט געקענט מעהר אַריבערטראָגען דעם יאָך פון די בעלי-בתים. אַז מען פלעגט זיי אַ פרעג טאָהן, צו-ליעב וואָס האָבען זיי אָנגעהויבען דעם שטרייק און וואָס האָפען זיי צו דערגרייכען מיט איהם, פלעגט מען קריגען אַזאַ מין ענטפער: „וואָס מאַכט אונז אויס! אַז מיר אַרבייטען, שטאַרבען מיר פון הונגער,--מיר אַרבייטען ניט—שטאַרבען מיר אויך פון הונגער, איז דאָך שוין גלייכער איין מאָל פאַר אַלע מאָל ווייזען אונזערע בלוטזויגער, אַז מיר האָבען אויך אונזער איינענעם ווי-לען, אַז מיר זיינען בעשאַפען געוואָרען ניט נאָר דערצו, אַז אונזערע מערדער זאָלען פעט און דיק ווערען פון אונזער בלוט און שוויס! גענוג זיי שוין צו טרעטען אונז, אונזערע ווייבער און קינדער! זייערע סאָלדאַטען שרעקען אונז גאַנץ וועניג, מיר ווייסען גאַנץ גוט. וואָס מיר קענען פון זיי ערוואַרטען — דעם טויט! עס איז אָבער אַ סך גרינגער צו שטאַרבען מיט אַ'ן אוי-גענבליקליכען טויט. איידער די קרעפטען זאָלען לאַנגזאַם אויס-געהען פון הונגער און אונערטרעגליכער פּראַצע".

אין פריהלינג 1886 האָבען די בעלגישע אַרבייטער אַרויס-געוויזען וויפיעל שנאה און פעראַכטונג זיי טראָגען אין האַרצען צו זייערע אומטערדריקער. אמת טאַקי, די שטרייקענדע האָט מען צוגעשיקט מיט די הילף פון סאָלדאַטען, אַ סך פון זיי זיינען צושאָסען געוואָרען אָדער פער'משפּט געוואָרען אויף

אַבזורישע שטראָפען. די בעוועגונג איז גיך דערשטיקט געוואָרען, אָבער קיין מאָל וועט די בעלגישע בורזשואַזיע ניט פערגעסען דעם פריהלינג פון 86-טען יאָהר! דאַמאָלסט האָט זי דערפיהלט, אַז קוים האָבען זיך די אַרבייטער שוין גענומען מאַכען אַ סוף פון זייער שקלאַפעריי, קוים האָבען זיי שוין אָנגעהויבען אַ קאַמפף מיט דעם הייפעל רייכע נעלדזעק, אַ קאַמפף אויף לעבען און טויט — איז שוין אַ סוף צו דער בורזשואַזיער הערשאַפט.

דער שטרייק פון פריהלינג 1886 איז, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, געוועזען ניט אָרגאַניזירט, און דעריבער האָבען די אַרבייטער קיין זאַך ניט אויסגעפיהרט; אָבער, ניט קוקענדיג אויף דעם, האָט ער זיי דאָך געבראַכט זייער פיעל נוטצען אין דעם ווייטערדיגען קאַמפף. ערסטענס האָט די גאַנצע אַרבייטערמאַסע אַרויסגעזעהען, אַז כדי וואָס עס איז אויפ-צוטהאָן מיט'ן שטרייק, כדי צו דערגרייכען דעם ציעל, וועלכען זיי האָבען געשטעלט פאַר זיך, מוז מען זיך פריהער צוגרייטען; מען מוז זיך פעראייניגען אין בונדען, מען מוז מאַכען קאַסען אויף'ן פאַל פון אַ שטרייק. צווייטענס האָט די בלוט-באָד, מיט וועלכע די רעגירונג האָט געטראַקטירט די שטרייקענדע, געוויזען די אַרביי-טער, אַז די רעגירונג און די בורזשואַזיע זיינען איין חברה און, כדי אויסצופיהרען דעם שטרייט מיט די קאַפּיטאַליסטען, מוז מען פריהער אָבראַמען פון וועג די רעגירונג, מען מוז זיך דערשלאָ-גען צום אַלגעמיינעם וואַהלרעכט.

אָט דאָס איז די אורזאַכע, פאַר וואָס נאָך דעם שטרייק האָט זיך דער שטרייט פאַר'ן וואַהלרעכט גאָר פון דאָס ניי פאַ-נאַנדערגעפלאַקערט. ביז אַהער זיינען דאָס רוב אַרבייטער גע-שטאַנען פון ווייטען און זיינען ניט צוגעשטאַנען צו דער אַרביי-טערפאַרטיי, איצטער איז די פאַרטיי מיט אַ מאָל אויף אַ סך קרעפטיגער געוואָרען, צו איהר זיינען צוגעשטאַנען טויזענדער-ווייז נייע קעמפפער,

די מאַכט פון דער אַרבייטערפאַרטיי האָט זיך אַרויסגעווי-זען אין דער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז פאָרגעקו-

מען אין בריוסעל דעם 15-טען אויגוסט פון דעם זעלבען 1886 יאָהר.

די פּאַרטייִ האָט בעשלאָסען צוזאַמענצורופען אין דער הויפּטשטאָדט בריוסעל די אַרבייטער פון אַלע עקען פון בעלגיען און דאָרטען מאַכען אַ גאַסען-דעמאָנסטראַציע, כדי דערמיט צו דערווייזען דער הערשענדער בורזשואַזיע, וואָס פאַר אַ מאַכט עס קענען אַרויסשטעלען די, וועלכע פאָדערען דעם וואַהלרעכט. די דעמאָנסטראַציע האָט נאָך געדאַרפט פאָרקומען דעם 13-טען יוני, נאָר די רעגירונג, וואָס איז געווען גענוג צו-שראָקען פון די פריהערדיגע שטרייקען, האָט איהר פערבאָטען. די אַרבייטערפּאַרטייִ האָט דאַן צוזאַמענגערופען אויף'ן 13-טען יוני אַ צוזאַמענפאָהר פון איהרע פאָרשטעהער, אויף וועלכען עס איז בעשטימט געוואָרען אָבצולעגען די דעמאָנסטראַציע אויף'ן 15-טען אויגוסט. און דערווײַלע האָט דעם 4-טען יולי דער „ראַטה"[1] פון דער פּאַרטייִ אַרויסגעלאָזען אַנ'אויפרוף צו די אַרביי-טער, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט די ווערטער: „אויף דעם פאַל, אויב דער רעגירונג וועט אַרויפקומען אויף'ן זינען וויעדער צו פערוועהרען אונזער דעמאָנסטראַציע, וועלען די אַרבייטער אָנהויבען זיך צוצוגרייטען צו אַ'ן אַלגעמיינען שטרייק"...

דער סטראַשונעק האָט געווירקט. די רעגירונג האָט מורא געהאַט צו פערוועהרען די דעמאָנסטראַציע.

און אַט דעם 15-טען אויגוסט האָבען זיך אָנגעהויבען צו שיטען אין בריוסעל פון אַלע אַרומיגע שטעדט, שטעדטלעך און דערפער אַרבייטער, אָנהענגער פון וואַהלרעכט. די צאָהל פון די דעמאָנסטראַנטען האָט דערגרייכט ביז 40 טויזענד מאַן. מיט פלאַטערנדע רויטע פאָהנען, מיט געזאַנג פון אַרבייטסליעדער האָבען זיך פערציג טויזענד מאַן בעוועגט אין דעם בעסטען אָרדנונג איבער די גאַסען פון דער הויפּטשטאָדט. און דאָ און דאָרט האָט זיך יעדע מינוט געלאָזט העהרען די פאָדערונג: „עס זאָל

[1] ראַטה — צענטראַל קאָמיטעט.

לעבען דער אלגעמיינער וואהלרעכט!" „עס זאָל לעבען די אַמניסטיע [1]) פאַר אונזערע פער'משפט'ע ברידער"... און אומעטום זיינען די אויסרופען פון די דעמאָנסטראַנטען מיט בע־גייסטערונג אונטערגעכאַפּט געוואָרען פון די ברויסעלער אַרביי־טער, וועלכע האָבען זיך אויסגעשטעלט אין 3 צײלען ביי'ם וועג, וואו די דעמאָנסטראַנטען האָבען געדאַרפט דורכגעהען. אומעטום האָט די ברויסעלער אַרבייטער־בעפעלקערונג בעגריסט איהרע געקומענע חברים מיט א דונער פון בראַוואָפּאַטשערייען. די דע־מאָנסטראַציע פון 15־טען אויגוסט האָט געהאַט זעהר א גרויסע בעדייטונג. אין דעם טאָג האָט די אַרבייטפּאַרטיי בעוויזען איהרע קרעפטען, די אַרבייטער פון גאַנץ בעלגיען האָבען זיך אָבגע־רופען אויף איהר אויפרוף און האָבען געגעבען צו וויסען זייערע אונטערדריקער, אַזוי זיינען גרייט צו שטרייטען פאַר זייערע רעכטען ביז'ן סוף—ביז זיי וועלען מנצח זיין.

## 3. דער נצחון פון דער אַרבייטער־פּאַרטיי.

אין 1886 יאָהר האָט זיך דער בעלגישער פּראָלעטאַריאַט אויפגעהאַפּט פון שלאָף, און אין 5 יאָהר אַרום איז די אַרבייטער־פּאַרטיי שוין אַזוי שטאַרק געוואָרען, אַז די רעגירונג איז גע־נייטיגט געוועזען נאָכצוגעבען די פאָ־ערונג פון דעם וואהלרעכט.

אין מאַי 1891 יאָהר האָבען זיך, גלייך נאָך דעם יום טוב פון 1־טען מאַי, אין בעלגיען אומעטום אנגעהויבען שטרייקען. דעם מאָל זיינען די אַרבייטער שוין געוועזען מעהר צוגעגרייט ווי אין 1886 יאָהר. די אַרבייטערפּאַרטיי האָט אָנגעפיהרט די בע־וועגונג און האָט אומעטום געשטיצט די שטרייקענדע. דעריבער האָט די רעגירונג, ווי דאָס האָט זיך איהר ניט געוואָלט, ניט געהאַט קיין אויסרייד אַרויסצולאָזען די ביקסען און שטיקעס: די

---

[1]) אַמניסטיע—בעפרייאונג פון שטראָף.

שטרײַקענדע האָבען ניט נעצוונדען קײַן פאַבריקען, ניט געבראָכען קײַן מאַשינען, נאָר רוהיג און מוטהיג געבליבען בײַ זייערע פאָדערונגען, פריהער ווי אַלץ בײַ דער פאָדערונג פון וואַהל-רעכט. נאָר אין אַ קורצער צײַט זײַנען צו די שטרײַקענדע צוגע-שטאַנען 125 טויזענד אַרבײַטער פון פערשידענע פּראָפעסיאָנען: קויהלען-גרעבער, אַרבײַטער פון אײַזען- און שטאָהל-פאַבריקען, סטאָלער-, שלאָסער-, מעבעל-מאַכער, פּאָרט-אַרבײַטער און נאָך פיעלע אַנדערע. די רעגירונג האָט זיך גאָר אָהן אַ קאַטאָװעס דערשראָקען. די בעוועגונג איז געוועזען נאָך אַ סך מורא'דיגער ווי אין 1886 יאָהר, און זי איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. וועגען אונטערדריקען די אַרבײַטער מיט מיליטער האָט שוין גאָר ניט געקענט זײַן קײַן רייד, מען האָט דאָ געמוזט ווי עס איז דורכ-מאַכען מיט גוטען. די רעגירונג האָט דעריבער צוגעזאָגט, אַז זי וועט אין קורצען פאָרלעגען דעם פּאַרלאַמענט איבערצוקוקען די קאָנסטיטוציע, ד. ה. איהר אומצוענדערען לויט דער פאָ-דערונג פון דער אַרבײַטערפּאַרטײַ.

די רעגירונג האָט דעם מאָל געהאַלטען וואָרט: דער פּאַר-לאַמענט האָט אָנגעהויבען איבערצוקוקען די קאָנסטיטוציע, אָבער דערמיט האָט זיך נאָך דער שטרײַט ניט געענדיגט. די דעפּוטאַ-טען האָבען אַלץ אָבגעצויגען זייער אַרבײַט. די קאַפּיטאַליסטען איז געווען זעהר שווער זיך אָבצוזאָגען חאָטש אויף אַ האָר פון זייער הערשאַפט. גאַנצע צוויי יאָהר האָט מען אַלץ געהאַלטען אין איין איבערקוקען די קאָנסטיטוציע און אַלץ געזוכט מיטלען, ווי צו פערדרעהען דעם אַרבײַטער די קאָפּ. און אָנשטאָט פאָל-קאָמען וואַהלרעכט, איהם געגעבען נאָך אַ שמעק דערפון.

די אַרבײַטער אָבער האָבען דעריווײַלע ניט געדרעמעלט. אין אַלע צײַטונגען און ביכלעך, אויף אַלע פערזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס, וועלכע מען האָט געמאַכט אין אַלע שטעדט פון לאַנד, האָבען זיי אָהן אָברוה דערמאָנט דער רעגירונג, אַז כל זמן זיי וועלען ניט קריגען קײַן פאָלקאָמענעם וואַהלרעכט, וועלען זיי ניט אויפהערען צו שטרײַטען; און אויב די רעגירונג

וועט דיזען רעכט זיי ניט געבען מיט גוטען, וועט זי געבען מיט בייזען.

ענדליך, אין אַפּריל 1893, האָט געפּלאַצט ביי די אַרבייטער די געדולד. זיי איז שוין מיאוס געוואָרען צו וואַרטען, זיי האָט שוין דערעסען צוצוזעהן, ווי די דעפּוטאַטען זוכען אַלע מיני קונצען ווי ניט צו געבען קיין וואַהלרעכט. די אַרבייטער האָבען זיך איצט שוין געפיהלט גענוג שטאַרק צו דערשלאָגען זיך דעם וואַהלרעכט אין אַנ'אָפּענעם קאַמפּף. זיי האָבען בעשלאָסען זיך צו ווענדען צום זעלבען מיטעל, צו וועלכען זיי האָבען זיך שוין אַ מאָל געווענדט, צו אַ מאַסען-שטרייק, וועלכער האָט זיי שוין מיט 2 יאָהר צוריק געבראַכט אַזוי פיעל נוטצען. דער מאַי-שטרייק פון 1891 יאָהר האָט גענויט די דעפּוטאַטען צו-נעהמען זיך צום איבערזעהען די קאָנסטיטוציע. איצט האָט די אַרבייטערפּאַרטיי בעשלאָסען מיט אַ נייעם און נאָך אַ מורא'דיגערען שטרייק צו נויטען די דעפּוטאַטען, זיי זאָלען ענדיגען די אָנ-געהויבענע אַרבייט — געבען די אַרבייטער דעם וואַהלרעכט.

בשעת אַלע צוגרייטונגען זיינען פאַרטיג געוואָרען, האָט דער ראַטה פון דער פּאַרטיי גערופען די אַרבייטער אומעטום צו-וואַרפען די אַרבייט אַזוי לאַנג, ביז דער פּאַרלאַמענט וועט ניט דורכפיהרען דעם אַלגע-מיינעם וואַהלרעכט.

די אַרבייטער האָבען מעהר ניט געוואַרט ווי אויף דערויף: זיי האָבען די מינוט אומעטום געוואָרפען די אַרבייט. פּוסט זיינען געוואָרען מיט אַ מאָל די אַלע קויהלען גריבער, פאַבריקען, ווערקשטאַטען. עס איז ענטשוויגען געוואָרען דער גערויש פון די רעדער, עס זיינען פערלאָשען געוואָרען די גיסעריי-אויוענס, די קוימענס האָבען אויפגעהערט צו רויכערען... אויף די פאַב-ריקען איז געוואָרען שטיל ווי אין קבר... אין די שטעדט האָט דער גאַנצער אַרבייטער-פאָלק אַרויסגעשאָטען אויף די גאַסען. די אַלע הויפּטגאַסען, אויף וועלכע עס שפּאַצירען געוועהנליך די אויסגעפּוצטע פּוסטאונפּאַסניקעס, זיינען איצטער געוועזען

בערעקט מיט א געדיכטער מאסע ארבייטער. דא האבען זיי זיך בעוועגט דורך די גאסען מיט רויטע פאהנען, דא האבען זיי זיך צוזאמענגעקליבען ערגעץ וואו אויף א פלאץ, וואו די פיהרער פון דער ארבייטערפארטיי האבען זיך געווענדט צו זיי מיט רעדעס; דא זיינען זיי מיט רעוואלוציאנערע אויסרופען פערבייגעגאנגען פאר די רעגירונגס-געביידעס... אומעטום האט געהילכט דער זעלבער אויסרוף פון ארבייטער קלאס: עס לעבע דער אלגעמיינער וואהלרעכט! „עס לעבע דער אלגעמיינער שטרייק!"...

אין פערלויף פון 2—3 טעג איז די צאהל פון די שטרייקענדע, פון די קעמפפער פאר דעם אלגעמיינעם וואהלרעכט אויסגעוואקסען ביז 250 טויזענד מאן! די ארבייטער האבען געפיהלט, אז אויף דער מינוט שטעהט די וועלט! אדער איצטער, אדער קיינמאל ניט! די האפנונג אויף א גיכען נצחון האט אלעמען בעגייסטערט.

די רעגירונג האט גאר נישט גיצקענט טהאן געגען אזא בעוועגונג, וועלכע ס'האט פערחאפט די גאנצע בעלגישע ארבייטערמאסע. די בורזשואזיע האט זיך איבערגעשראקען און איז גרייט געווען נאכצוגעבען. אמת, די רעגירונג האט אפילו פון אנהויב צונויפגעזאמעלט דעם גאנצען חיל אין די גרויסע שטעדט, בעזאנדערס אין דער הויפט-שטאדט. זי האט אפילו פערבאטען די דעמאנסטראציעס, האט ארעסטירט די „בונטאוושטשיקעס" א. ד. ג., אבער די אלע מיטלען האבען געהאלפען ווי א טוידטען באנקעס, עס האט נאך, פערקעהרט, מעהר אויפגעהיצט די מאסע. די ארבייטער האבען ניט געקוקט אויף'ן פערבאט און זיינען פעסט געשטאנען אויף זייער בעשלוס צו פיהרען דעם שטרייט ביז'ן סוף.

אין עטליכע ערטער האבען זיך אנגעהויבען בלוטיגע קאמפפען צווישען די ארבייטער פון איין זייט, און די זשאנדארמען מיט דער בורזשואזער „בירגער-וואך" — פון דער אנדערער זייט. בעזונדערס גרויסע קאמפפען זיינען פארגעקומען אין מאנס און אין אנטווערפען. דער שטרייט האט לייכט געקענט איבערגעהען אין

א בלוטיגע בירגער-מלחמה... נאָר דאָ האָבען זיך דעפּוטאַטען אין דער רעכטער צײַט געחאַפּט און נאָכגעגעבען די פאָדערונגען פון די אַרבײַטער. חײַל איז אַפילו געװען אָנגעגרײַט, אָבער די רעגירונג האָט מורא געהאַט זיך צו בענוצען מיט איהם, האָט מורא געהאַט דערפאַר, װײַל די סאָלדאַטען האָבען ניט אײן מאָל אַרויסגעװיזען זייער סימפּאַטיע צו דער אַרבײַטערפּאַרטײַ. אַזוינע סאָלדאַטען זײַנען שלעכטע בעשיצער פאַר דער בורזשואַזיע! און די הוילע זשאַנדאַרמען מיט דער בורזשואַזער „בירגער-װאַך" אַלײן װאָלטען ניט געקענט בײַקומען די אַרבײַטער אין אַ'ן אָפענעם קאַמפּף.

אָט אַזוי האָט דער פּאַרלאַמענט זיך געמוזט אונטערגעבען, צוטערענדיג פאַר אַ'ן אָפענעם בונט. אין אַ װאָך אַרום נאָכ'ן אָנהויב פון שטרײַק האָט די אַרבײַטערפּאַרטײַ זיך דערשלאָגען צום נצחון איבער איהרע שונאים.

דאָס איז געװען דעם 18-טען אַפּריל, 1893 יאָהר.

דער בורזשואַזיע האָט זיך אײַנגעגעבען אָבצוראַטעװען אַ טײל פון איהרע אַלטע פּריװילעגיעס (זכיות); װאָהלרעכט האָבען בעקומען אַלע בירגער, נאָר די פּערמעגענדע און רײַכע האָבען בעקומען דאָס רעכט אויף צװײ אָדער גאָר דרײַ שטימען; מיט אַנדערע װערטער, דער אַרבײַטער, װאָס האָט ניט קײן שום פּערמעגען, האָט בעקומען נאָר 1 שטימע; דער װאָס האָט אַ'ן אײגענע הויז, אָדער אַ'ן אַנדער פּערמעגען — 2 שטימען; דער, װאָס האָט געענדיגט אַ'ן אוניװערזיטעט אָדער אַ'ן אַנדערע העכערע בילדונגסשוהלע און האָט נאָך דערצו אַ פּער-מעגען — 3 שטימען. דערפאַר איז אויסגעקומען, אַז דאָס רוב פון די אויסקלײַבער, אַ גרויסע מאַסע פון 337 טויזענד אָרעמע לײַט, האָבען געהאַט נאָר צו אײן אײנציגע שטימע, און אַ קלענערע מאַסע פון 500 טויזענד גבירים און פּערמעגענדע האָבען געהאַט צוזאַמען אײן מיליאָן און צװײ הונדערט צעהן טויזענד (1,210,000) שטימען, ד. ה. מיט גענויע 400 טויזענד שטימען מעהר פאַר די אָרעמע לײַט. אויף אַזאַ אופן האָט זיך דער

בורזשואַזער פּאַרלאַמענט גוט בעוואָרענט, אַז די פּערמענענטע זאָלען האָבען מעהר שטימען, ווי די איבריגע מאַסע, כדי די בורזשואַזיע זאָל זיכער קענען אויסקלייבען איהרע דעפּוטאַטען און זאָל האָבען פאַר זיך אין פּאַרלאַמענט דאָס רוב שטימען.

וויכטיג איז אָבער דאָס, וואָס די ארבייטער האָבען זיך דאָך דערשלאָגען צום וואַהלרעכט און קענען אויסקלייבען אין פּאַרלאַמענט זייערע איינענע דעפּוטאַטען. איצטער וועט שוין די בורזשואַזיע ניט זיין די איינציגע בעל-דעה אין מלוכה. די ארבייטער וועלען אין פּאַרלאַמענט אַרויסשטעלען די פאָדערונגען פון פּראָלעטאַריאַט און וועלען שטענדיג אָניוענדען אַלע קרעפטען דורכצופיהרען אַזוינע געזעצען, וועלכע קענען ברייננען נוצען דער ארבייטער-מאַסע. אויב די בעלגישע אַרבייטער האָבען זיך געקענט דערשלאָגען צום שטים-רעכט, בשעת זיי האָבען נאָך ניט געהאַט קיין פאָרשטעהער אין פּאַרלאַמענט וועלען זיי מיט דער צייט, אָהן אַ ספק, זיך דערשלאָגען צו דער פערניכטונג פון די צווייאיגע און דרייאיגע שטימען. און וועלען זיך דערשלאָגען צו נאָך אַנדערע געזעצען פאַר זיך.

---

## 4. די אַרבייטער-פּאַרטיי פאַר די וואַהלען.

די ערשטע וואַהלען, אין וועלכע די אַרבייטער האָבען גענומען אַ'ן אַנטהייל, זיינען פאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1894-טען יאָהר. צו דיזע וואַהלען האָט מען זיך גענויט צוגרייטען, מען האָט גענויט גוט בעקלערען, ווי זיך צו בענוצען מיט'ן וואַהל-רעכט, וואָס פאַר אַ געזעצען צו פאָדערען פאַר'ן אַרבייטער-קלאַס. מיט דיזע פראַגען האָט זיך בעשעפטיגט דער צוזאַמענ-פאָהר פון דער אַרבייטערפּאַרטיי, וועלכער איז פאָר-געקומען אין ברוססעל דעם 15-טען אַפּריל 1894-טען יאָהר.

אויף'ן צוזאַמענפאָהר האָט מען בעשלאָסען, אַז די פּאַרטיי וועט אַרויסשטעלען איהרע קאַנדידאַטען אין אַלע ערטער, וואו

נאָר זי האָט אַ היבשע ביסעל מיטגליעדער. וויַיטער האָט דער צוזאַמענפאָהר בעשטימט, אַז אַלע אַרבײַטער-קאַנדידאַטען זאָלען, סײַ אין דער צײַט פון די וואַהלען, סײַ אין דעם פאַל, אַז מען וועט זיי אויסקלײַבען אין פאַרלאַמענט, שטעהען פאַר איינע און די זעלבע פאָדערונגען פון אַרבײַטערקלאַס.

אָט איז די פּראָגראַמע, וועלכע דער צוזאַמענפאָהר האָט אָנגענומען.

די עשירות און די פּראָדוקציאָנסמיטלען דאַרפען געהערען צו אַלע מענשען, דאַרפען ווערען זייער אַלגעמיינער אייגענטהום, דיזען ציעל איז אונמעגליך צו דערגרייכען, כּל זמן עס עקסיסטירט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, אין וועלכען די פּראָדוקציאָנסמיטלען געהערען נאָר צו איין קלאַס — צו דער בורזשואַזיע, בעת דער אַרבײַטערקלאַס האָט ניט קיין שום אייגענס און איז דעריבער גענויט צו פערקויפען זיך פאַר שכירות צו די קאַפּיטאַליסטען. — כּדי אין גאַנצען צו בעפרײַען דעם אַרבײַטערקלאַס, מוז מען דעריבער מבטל זײַן די צוטיילונג פון געזעלשאַפט אויף 2 געגענגעזעצטע קלאַסען: קאַפּיטאַליסטען און אַרבײַטער, מוז מען די פּראָדוקציאָנסמיטלען, אויף וועלכע עס עקסיסטירט היינט פּריוואַטאייגענטהום, מאַכען פאַר געזעלשאַפטליכען אייגענטהום. — כּדי דערצו צו קומען, דאַרף דער אַרבײַטערקלאַס אָנווענדען אַלע מיטלען, וועלכע עס זײַנען נאָר מעגליך, און פריהער ווי אַלץ דאַרף ער דערצו שטענדיג פיהרען אַ פּאָליטישען קאַמפף, אַ קאַמפף פאַר דער מלוכה-מאַכט.

דאָס איז דער לעצטער ציעל פון דער בעלגישער אַרבײַטער-פּאַרטיי, דער ציעל, צו וועלכען עס שטרעבען די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער.

אויסער דעם סטאַרעט זיך נאָך די בעלגישע אַרבײַטער-פּאַרטיי אַקוראַט ווי די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון אַלע איבעריגע לענדער, צו פערבעסערען אויך די איצטיגע לאַגע פון די אַרבײַטער, שוין בײַ דער היינטיגער אָרדנונג. זי ווייס גאַנץ גוט, אַז היינט-מאָרגען וועט זי נאָך ניט דערגרייכען

איהר לעצטען ציעל. דערוויילע ליידען אָבער די אַרבייטער ביי דער איצטיגער אָרדנונג, שטענדיג, אָהן אַ'ן אויפהער, פון טאָג צו טאָג. און אויב מען זאָל צולאָזען די פאַבריקאַנטען טהאָן מיט די אַרבייטער וואס זיי ווילען, וועט די אַרבייטער אויסקומען זעהר שווער און ביטער. אונמענשליכע האָרעוואַניע און הונגער-שכירות, קראַנקהייטען און אויסצעהרונג, רעכטלאָזיגקייט און אונוויסענהייט, הונגער, קעלט און דערשלאָגענהייט — אָט וואס עס ערוואַרט די אַרבייטער, אויב זיי וועהרען זיך ניט געגען די דריקונגען פון דער בורזשואַזיע, שטענדיג אָהן אַ'ן אויפהער, פון מינוט צו מינוט. נאָר דאָס איז נאָך אַלץ דער יאָך פון די פאַבריקאַנטען, אויסער וואס ער נעהמט צו ביי'ם אַרבייטער זיינע קרעפטען, נעהמט ער נאָך צו ביי איהם די פעהיגקייט צום שטרייט פאַר זיין פאָלקאָמע בעפרייאונג. אויסגעמאַטערטע פון הונגער און אַרבייט, אונוויסענדע און נידערשלאָגענע אַרבייטער זיינען ניט פעהיג צו קיין שטרייט; זיי טראָגען אַלץ גלייכגילטיג אַריבער און שווייגען, כדי פטור צו ווערען פון די שווערע צרות, כדי צו ווערען זעלבסטשטענדיג. ענטוויקעלט, מוטהיג און פעהיג צום שטרייט פאַר דער בעפרייאונג, מוזען די אַרבייטער פריהער פון אַלץ גרינגער מאַכען די משא, וואס דער קלאַס קאַפּיטאַליס־טען האָט אויף זיי אַרויפגעלעגט, פערבעסערען זייער לאַגע נאָך היינט, ביי דער איצטיגער אָרדנונג.

אָט דערפאַר האָט דער צוזאַמענפאָהר בעטראַכט די פראַגע וועגען דעם, וועלכע פאָדערונגען מען זאָל שוין איצט, אין דער נאָהענטסטער צייט, אַרויסשטעלען, און האָט טאַקי אַרויס־געשטעלט אַ ריזע פון די נאָהענסטע פאָדערונגען.

פון דיזע פאָדערונגען וועלען מיר ברייננגען די וויכטיגסטע.

די אַרבייטערפאַרטיי פאָדערט, אַז וואַהלרעכט זאָל מען געבען יעדען בירגער, ווי נאָר ער ווערט אַלט 21 יאָהר, וויל פון 21 יאָהר אָן היבט שוין דער בירגער אָן צו טראָגען אויף זיך אַלע חובות צו דער מלוכה. ער דיענט אין מיליטער, צאָהלט אָבצאָהלונגען, טראָגט אַריבער נאָך פיעלע לאַסטען, און דעריבער

איז דער יושר, אַז פון 21 יאָהר אָן זאָל ער נִיט זײַן נאָר אַ בִּירגער צו אָבצאָהלונגען און נִיט מעהר. פאַר די רײַכע, פערשטעהט זִיךְ, איז אַזאַ געזעץ געװען גאַנץ גוט, װײַל רײַכע איז איבערהױפּט פאַראַן װענִיגער װי אָרעמע, דעריבער האָט דער רײַכער קלאַס גאַנץ װענִיג פערלאָרען דערפון, װאָס זײערע יונגע לײַט האָבען קײַן װאַהלרעכט נִיט געהאַט. די אַרבײַטער אָבער האָבען צוליעב דעם פערלאָרען צעהנדליגע טױזענדער שטימען.

װײַטער פאָדערט די פּאַרטײ, אַז קינדער זאָל מען אומזיסט לערנען אין אַלע שולען, סײַ אין די נידעריגע, סײַ אין די מיטעלע און העכערע, און אַז די עלטערן זאָלען זײַן מחויב צו שיקען זײערע קינדער אין די שולען, לכל-הפּחות אין די נידע־ריגע, װאו מען בעקומט די נױטיגסטע בילדונג. די שילער פון די נידעריגע שולען זאָלען אױסגעהאַלטען װערען אױף די קאָסטען פון דער מלוכה. װאָס פאַר אַ גרױסען נוצען דיזער געזעץ מוז ברײַנגען דעם אַרבײַטער-קלאַס, איז לײַכט צו פערשטעהען. צו-װישען די בעלגישע אַרבײַטער געפינען זיךְ נאָךְ עד-היום זעהר פיעל אַזעלכע, װאָס קענען נִיט שרײַבען און נִיט לײענען, און דאָס איז צוליעב דעם, װײַל דער אַרבײַטער איז אָרעם און איז נִיט אימשטאַנד צו צאָהלען אין שול שכר-לימוד, צו קױפען ביכער פאַר זײַנע קינדער, זײ אױסצוהאַלטען די גאַנצע צײַט פון דער לעהרע. און אָט אָנשטאָט צו געהען אין שול, געהען דעם אַרבײַטערס יונגע קינדער אױף דער פאַבריק און אַפּילו אין די קאָהלען גרובען; אָנשטאָט צו הערען עפּעס אַ קלוגען װאָרט פון אַ לעהרער, הערען זײ קללות מיט חרמות; אָנשטאָט צו אָטהעמען פרישע לופט, אָטהעמען זײ דעם רױךְ ערגעץ װאו אין אַ שטײנקאָהלען-גרוב, אַבי נאָר צו פער־דינען דעם שטיקעל ברױט. פערברײַנגענדיג די יונגע יאָהרען אין אַזאַ אַרט לעבען, בלײַבט דער אַרבײַטער אונװיסענד און פערלירט נאָךְ גאַנץ פריה זײַנע כחות. אומגעקעהרט, אױב די מלוכה װעט אומזיסט לערנען און אױסהאַלטען דעם אַרבײַטערס

קינדער, וועלען זיי אלע ווערען געבילדעט און דערביי וועלען אויך זייערע יונגע כחות פערהיט ווערען אויף שפעטער.

די ארבייטערפארטיי פאדערט ווייטער, אז די מלוכה זאל ארויסגעבען בעזונדערע געזעצען, וואס זאלען פערהיטען דעם געזונד און לעבען פון אלע שכירות-ארבייטער, יונגע און דערוואקסענע מאנסלייט און פרויענצימער. ביז אהער איז אין בעלגיען כמעט גאר ניט געווען אזעלכע געזעצען. די בעלי־בתים האבען גערעכענט דעם ארביי־טערס לעבען און כחות פאר זייער אייגענטום און האבען געמאכט דערמיט וואס זיי האט זיך געוואלט. דער געזעץ האט זיי ניט געשטערט. אמת, די ארבייטער-בונדען האבען, א דאנק זייער שטענדיגען שטרייט מיט די בעלי־בתים, זיך עפעס יע דערשלא-גען, נאר דאס איז נאך וועניג. ערשטענס זיינען ניט אין אלע ערטער און ניט אין אלע פראפעסיאנען פעראנען בונדען, און די ארבייטער, וואס זיינען ניט געווען ארגאניזירט אין בונדען, זיינען מיט קיין זאך ניט געווען בעשיצט פון די בעלי־בתים'ס פערפאל-גונגען; צווייטענס קענען ניט אלע מאל די ארבייטערבונדען אויס-פיהרען. דער בעל־הבית גיט נאר דאן נאך, ווען די געשעפטען געהען איהם גוט, ווארום דאן קען איהם דער שטרייק אנמאכען א גרויסען שאדען. ווען די געשעפטען געהען אבער ניט אם בעסטען, ווען די סחורה פערקויפט זיך שווער אדער גאר ניט, נעהמט דער פאבריקאנט און מעקט אב דעם גאנצען חשבון, ער נעהמט צוריק די אלע פערבעסערונגען, וואס די ארבייטער האבען זיך דערשלאגען מיט זייער שטרייט. דעריבער זיינען די בונדען אליין נאך וועניג. די ארבייטער מוזען האבען, אז דער געזעץ זאל זיי בעשיצען. דער געזעץ בעשיצט אלע ארבייטער גלייך, סיי די ארגאניזירטע, סיי די ניט ארגאניזירטע; דער געזעץ בע־שיצט די ארבייטער אין יעדער צייט, סיי אין די גוטע, סיי אין די שלעכטע. בעזונדערס פאדערען די ארבייטער, מען זאל פערקלענערען דעם ארבייטסטאג פאר דערוואקסענע ארבייטער ביז 8 שעה אין מעת-לעת און פאר יונגע ארבייטער פון 14 ביז

18 יאָהר—בּיז 6 שעה. דיזע פאָדערונג איז די וויכטיגסטע פון אַלע, וואָס זיי האָבּען אַרויסגעשטעלט צום שוץ פון די אַרבּײ־טער. אַרבּײטענדיג 8 שעה אין טאָג, פערליערט, ערשטענס, דער אַרבּײטער ניט אַזוי גיך זיינע קרעפטען און, צווייטענס, בּלייבּט איהם גענוג צײט אויף אָבּרוה און פערגעניגען. אַחוץ דעם ווערען בּײ אַ'ן 8־שעה־דיגען אַרבּײטסטאָג גרעסער די שכירות, וואָרום דאָס איז שוין אַ'ן אַלטער כּלל, אַז וואָס קלענער עס איז דער אַרבּײטסטאָג, דאָס גרעסער זיינען די שכירות. דער 8-שעה'דיגער אַרבּײטסטאָג, דאַרף מען ענדליך ניט פערגעסען, גיט דעם אַרבּײטער מעהר צײט צו לעזען בּיכער, זיך צו ענטוויקלען און פערגרינגערט איהם דעם קאַמפּף פאַר זיינע אינטערעסען. אין דער פרײער צײט קענען זיי זיך לערנען, קענען בּעקלערען זייער לאַגע, קענען זיך צו־נויפקומען, כּדי צו בּעטראַכטען זייערע אַלגעמיינע עסקים און זיך צוזאַמענרעדען ווענען שטרײט מיט די בּעלי־הבּתים אָדער מיט דער רעגירונג.

זעהר גרויס און וויכטיג זיינען די נוצען פון געזעץ וועגען 8 שעה'דיגען אַרבּײטסטאָג, נאָר דערצו, פערשטעהט זיך, איז נאָך נויטיג, אַז דער געזעץ זאָל ניט בּלייבּען קײן פּראָסטע שטיקעל פּאַפּיער, עס איז נויטיג, אַז די בּעלי־הבּתים זאָלען איהם היטען. יעדערער ווייס וואָס פאַר אַ קונצען די פאַבּריקאַנ־טען מאַכען, אַבּי נאָר זיך אַרויסצודרעהען פון אַזאַ געזעץ, וואָס קען בּרייגנען שאָדען זייער קעשענע. אויבּ מען וועט זיך פערלאָזען אויף זייער יושר, וועט קײן מאָל קײן סוף ניט נעהמען צום אַרבּײטערס צרות. דעריבּער פאָדערען די בּעלגישע אַרבּײטער, מען זאָל אײנשטעלען פאַבּריק־אינספּעק־טאָרען, וואָס זאָלען אַכטונג געבּען, אַז די פאַבּריקאַנטען זאָלען היטען די געזעצען, וועלכע זענען אַרויסגעגעבּען צום שוץ פון די אַרבּײטער. דערבּײ דאַרפען אָבּער די פאַבּריקשנע אינ־ספּעקטאָרען ניט זײן קײן בּעאַמטע, געשטעלטע פון דער רעגי־רונג, נאָר די אַרבּײטער אַליין דאַרפען זיי אויסקלויּ־

בּ ע ן ; וואָרום דאָס פערשטעהען די בעלגישע אַרבּייטער גאַנץ גוט, אַז די רעגירונג, וואָס פערהיט זעהר דעם פאַבּריקאַנטס קעשענע, וועט אויסקלייבּען אַזעלכע אינספּעקטאָרען, וועלכע זעהען און הערען אַלץ און שווייגען. ניט אַזוי אָבּער איז, ווען די אַרבּייטער אַליין קלויבּען אויס די פאַבּריקשנע אינספּעקטאָרען; זיי וועלען שוין אויסקלייבּען אַזעלכע מענשען, וועלכע זיינען בּע־וואוסט פאַר אָרענטליכע און אמת׳ע בּעשיצער פון אַרבּייטער־קלאַס.

די בּעלגישע אַרבּייטערפאַרטיי זאָרגט אויך וועגען די אַלטע אַרבּייטער, וואָס זיינען שוואַך און זיינען שוין ניט פעהיג צו דער אַרבּייט. כּדי זיי צו פערזאָרגען, פאָדערט די אַרבּייטערפאַרטיי, מען זאָל די אַרבּייטער פ ע ר ז י כ ע ר ע ן א ו י ף ד ע ר ע ל ט ע ר. וואָס הייסט פערזיכערען? איהר האָט געוויס געהערט, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע געזעלשאַפטען, וואו מען פערזיכערט הייזער פון אַ שׂרפה. דאָס פיהרט זיך אַזוי: אַלע בּעלי־הבּתים, וואָס ווילען פערזיכערען זייערע הייזער, צאָהלען יעהרליך אַ געוויסע סומע געלד. פון די אַלע געלטען קלייבּט זיך אויף אַ קאַפּיטאַל פון וועלכען מען דעקט דעם היזק פון יענעם בּעל־הבּית, וועל־כער האָט געליטען פון אַ שׂרפה. פונקט אַזוי קען מען פערזי־כערען די אַרבּייטער אויף דער עלטער. מען דאַרף נאָר פון שטענדיגע איינצאָהלונגען פון אַ סך מענשען צוזאַמענקלייבּען אַ קאַפּיטאַל, פון וועלכען מען זאָל דערנאָך די אַרבּייטער אויף דער עלטער אַרויסגעבּען אַ שטיצע, וואָס זאָל זיי סטאַיען אויף צום לעבּען. אָבּער פון וואַנען וועט זיך נעהמען דער קאַפּיטאַל? פערשטעהט זיך; ניט פון די איינצאָהלונגען פון די אַרבּייטער אַליין. פון זיין מאָגערען פערדיענסט קען דער אַרבּייטער צאָהלען גאָר אַ קליינעם טייל פון די פערזיכערונגס־געלד, די איבּעריגע דאַרפען צאָהלען די בּעלי־בּתים. זיי ציהען דאָך אַרויס פון יע־דען אַרבּייטער פאַר זיין לעבּען ניט איין טויזענד רוּבּל ריוח און וויפיעל אַרבּייטער געהען יונגערהייט פון דער וועלט, וויפיעל ווערען אָבּגעשניטען פון לעבּען אין די בּעסטע יאָהרען — נאָר

צוליעב דעם אכזר'ישען „עבודת פרך", צוליעב דער קאטאָרזש-נער, פאַבריטשנער האַרעוואַניע! נאָר ווענינ „גליקליכע" ציווישען די אַרבייטער דערלעבען ביז צו דער עלטער, אי דאס עלטערען זיי זיך זעהר פריה. די שרעקליכע האַרעוואַניע פון אַרבייטער מאַכט רייך נאָר דעם בעל-הבית, די אַרבייטער אַליין ברייגגט זי מעהר ניט ווי טויט און פריהע שוואַרכקייט. טאָ זאָל חאָטש דער בעל-הבית וועניגנסטענס בעוואָרענען מיט פערזיכערונגס-איינצאָהלונגען די אַרבייטער, וועלכע האָבען אַוועקגעלעגט זייערע כוחות, האַרעווענדיג אויף איהם! — די פערזיכערונג קען מען מאַכען אויך אַזוי, אַז אַ טייל פון די געלד זאָל, אויסער די אַרבייטער און פאַבריקאַנטען, צאָהלען אויך די רעגירונג.

אויסער פאַר אַלטע, פאָדערט נאָך די בעלגישע אַרבייטער-פאַרטיי די פערזיכערוגג פון די אַרבייטער אין אַ'ן אונגליקס-צופאַל ביי דער אַרבייט. נאָר דיזע פערזיכערונג דאַרף שוין אין גאַנצען פאַלען אויף'ן חשבון פון די בעלי-הבתים, וואָרום ווער דען, אַז ניט זיי זיינען שולדיג אין דעם, וואָס דער אַרבייטער פערליערט ביי דער אַרבייט אַ'ן איבר. זיי, די בעלי-הבתים, צוליעב עטליכע רובל, וועלכע עס דאַרפען קאָסטען די פערהיטונגס-מיטלען, זיינען מפקיר דעם אַרבייטער.

אין דער אייגענער צייט פאָדערט נאָך די אַרבייטערפאַרטיי בעזונדערע געזעצען, וועלכע זאָלען נויטען די פאַבריקאַנטען צו פערהיטען די אַרבייטער פון אונגליקען, וועלכע טרעפען ביי דער אַרבייט.

אָט דאס זיינען די וויכטיגסטע געזעצען, וועלכע די בעל-גישע אַרבייטערפאַרטיי פאָדערט צו דער פערבעסערונג פון דער לאַגע פון די פאַבריטשנע אַרבייטער. אָבער כדי אויסצואַרביי-טען אַזעלכע אָדער עהנליכע געזעצען, מוז מען פריהער ריכ-טיג דערגעהן די לאַגע פון די אַרבייטער; מען דאַרף וויסען, וואָס פאַר אַ געזעצען די אַרבייטערמאַסע האָט נויטיג, און וועלכע עס קענען איהר נוצען ברייגגען. דעריבער פאָדערט די בעלגישע אַרבייטערפאַרטיי אַז מען זאָל גרינדען אַ נייע מיניסטער-

סטווע אַ מינימום פון אַרבייט, וועלכע זאָל זאָרגען וועגען די וואָס האָרעווען, זאָל אונטערזוכען זייער לאַגע און זעהן אויסצואַרבייטען פאַר זיי גוטע געזעצען.

די בעלגישע אַרבייטערפּאַרטיי פאָדערט אויך געזעצען, וועלכע זאָלען פערבעסערן די לאַגע פון די דאָרפישע אַרבייטער, פון די קליינע פאַכטערס און בויערן.

אויף׳ן סוף וועלען מיר דערצעהלען וועגען נאָך איין וויכטיגע פאָדערונג פון דער בעלגישער אַרבייטערפּאַרטיי, וועלכע וואָלט שטאַרק פערגרינגערט די לאַגע פון דער גאַנצער אָרעמער בעפעלקערונג. אָט וואָס זי פאָדערט: עס זאָלען פערניכטעט ווערען אַלע אָבצאָהלונגען אויף נויטיגע לעבענסמיטלען, ווייל פון די אַלע אָבצאָהלונגען ווערען טהייערער די פּראָדוקטען, וועלכע די אָרעמע בעפעלקערונג פערברויכט. אָנשטאָט דעם זאָל מען איינפיהרען אַ׳ן אָבצאָהלונג אויף די הכנסות פון די רייכע, און די אָבצאָהלונגען דאַרפען זיין אַזוי איינגעאָרדענט, אַז וואָס איינער איז רייכער, דאַרף ער צאָהלען אַלץ אַ גרעסערען פּראָצענט פון זיין הכנסה.

אָט וואָס די בעלגישע אַרבייטערפּאַרטיי פאָדערט, אום אויסצובעסערן דעם אַרבייטערס לאַגע, אָט פאַר וועלכע געזעצען די פאָרשטעהער פון די אַרבייטער וועלען שטעהן אין פּאַרלאַמענט.

דער ברויסעלער צוזאַמענפאָהר האָט בעוויזען, אַז די בעלגישע אַרבייטערפּאַרטיי ווייס, ווי און צו וואָס זיך צו בענוצען מיט דעם וואַהלרעכט.

„לאָמיר שטורמען דעם בורזשואַזנעם פּאַרלאַמענט!" האָט אויסגערופען אין זיין לעצטער רעדע דער פּאָרזיצענדער פון צוזאַמענפאָהר, אַנסעל. און דיזער אויפרוף איז בעגייסטערט איבער־געחזר׳ט געוואָרען פון די 400 מיטגליעדער פון קאָנגרעס. די פּראָגראַמע, וועלכע דער קאָנגרעס האָט אויסגעאַרבייט, האָט פיעל פערגרינגערט דיזען קאַמפּף מיט דעם בורזשואַזנעם פּאַרלאַמענט, ווייל זי האָט צוגעצויגען צו דער פּאַרטיי צעהנדליגע

טויזענדער נײַע מיטגלידער, וועלכע זײַנען גרײט צו קעמפּפען פאַר זײערע רעכטען ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט.

## 5. די קרעפטען פון דער אַרבײַטער-פּאַרטײַ.

איידער מיר װעלען דערצעהלען װעגען די װאַהלען פון אָקטאָבער 1894-טען יאָהר, מוזען מיר אַ קוק טהאָן אויף די קרעפטען פון דער אַרבײַטערפּאַרטײַ.

צו דער צײַט פון די װאַהלען האָט די פּאַרטײַ גערעכענט ביז 104 טויזענד מיטגלידער, ד. ה., כמעט אַ זעקסט-חלק פון אַלע בעלגישע אַרבײַטער. אויסער דער אַרבײַטערפּאַרטײַ עקסיסטירען נאָך אין בעלגיען—װי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט—פּראָפעסיאָנעלע בונדען. די מיטגליעדער פון דער פּאַרטײַ זײַנען דאָס רוב אויך מיטגליעדער אין די פּראָפעסיאָנעלע בונדען פון זײער פאַך. אין 1892-טען יאָהר איז געװעזען ביז 70 טויזענד פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירטע אַרבײַטער.

פון דיזע ציפרען קען מען נאָך ניט ריכטיג שליסען װעגען די קרעפטען פון דער פּאַרטײַ און די בונדען, װאָרום צו זײ געהערען די ענטװיקעלסטע אַרבײַטער. דיזע אַרבײַטער זײַנען מעהר ניט דער טעהטיגסטער טײל פון פּראָלעטאַריאַט, און זײ האָבען אַ גרויסע װירקונג אויף די איבעריגע, װעניגער ענטװיקעלטע אַרבײַטער. אַ סך אַרבײַטער, װעלכע זײַנען אין אַ געװעהנליכע צײַט דאַכט זיך, גאַנץ גלײַכגילטיג צו אַלע מיני פּאַרטײען, שטעהען גלײַך צו צו זײערע פעראײניגטע און אָרגאַניזירטע ברידער, װי נאָר עס הויבט זיך אָן אַ שטרײַק. דאָס קומט פאָר בײַ יעדען שטרײַק. געװעהנליך הויבען אָן דעם שטרײַק די מיטגליעדער פון פּראָפעסיאָנעלען בונד. קוים אָבער האָט זיך דער שטרײַק אָנגעהובען, שטעהען צו איהם צו פילע, װעלכע זײַנען פריהער ניט געװען קײן מיטגליעדער פון בונד. די אײגענע זאַך קומט אויך פאָר בײַ'ם קאַמפּף פון דער אַרבײַ-

טערפּאַרטיי. בשעת די אַרבײַטערפּאַרטיי האָט אין 1893־טען יאָהר אויפגעפאָדערט די אַרבײַטער צו אַ שטרײַק פאַר'ן וואהל־רעכט — האָבען, ווי מיר ווייסען, אין דעם שטרײַק אַ'ן אַנטייל גענומען ביז 250 טויזענד אַרבײַטער, ד. ה., אין 2 מיט אַ האַלב מאָל מעהרער מענשען, איידער עס איז געווען מיטגלידער אין דער פּאַרטיי.

פאַר די בעלגישע אַרבײַטער האָבען אַ בעזונדערס וויכטיגע בעדײַטונג די פּראָדוקטיוו־חברות און די קאָנסום־פעראיינען, אָדער פערבראויכונגס־חברות.

די „פּראָדוקטיוו־חברות“ בעשטעהען אָט אין וואָס: די מיטגלידער פון דער חברה מאַכען אַליין וועלכע עס איז סחורה. קיין בעלי־הבתים, וועלכע זאָלען דינגען די אַרבײַטער און זיי צאָהלען פאַר דער אַרבײַט, איז ניטאָ. דער בעל־הבית איז די אַרבײַטער־חברה אַליין. אַלע געצײַג, וועלכע זײַנען נויטיג צו דער אַרבײַט, אַלע מאַטעריאַלען, אַלע געבײַדעס (בנינים), אין וועלכע עס ווערט געאַרבײַט, געהערען ניט צו איינצעלנע מענשען, נאָר צו דער גאַנצער אַרבײַטער־חברה. עס פערשטעהט זיך דעריבער, אַז די אַרבײַטער־חברה צוטיילט צווישען איהרע מיטגלידער ניט נאָר די שכירות, נאָר אויך דעם ריוח, וואָס געהט אַוועק געוועהנליך פאַר די בעלי־הבתים. די אַרבײַטער זײַנען דאָ אַליין בעלי־הבתים אויף זיך און פיהרען אַליין אַלץ, וואָס בעלאַנגט צו זייער חברה. — קאָנסום־פעראיינען אַרבײַטען אַליין גאָר נישט אויס, זײַ בעשעפטיגען זיך נאָר מיט קויפען און פערקויפען פון פאַרטיגע סחורה. די פערבראויכונגס־חברה—דאָס איז פּראָסט גערעדט אַ חברה'שע קראָם, וועלכע גיט ריוח ניט אַ וועלכען עס איז קרעמער, נאָר די קויפער אַליין, וועלכע זײַנען די מיטגלידער פון דער חברה.

די בעלגישע פּראָדוקטיוו־חברות און קאָנסום־פעראיינען צייכענען זיך אויס דערמיט, וואָס זיי געהערען אַלע צו דער אַרבײַטערפּאַרטיי, וועלכער זיי גיבען אַוועק אַ דריטעל פון זייער ריוח. אויסערדעם האָבען זיי כמעט אַלע אַ חוץ דער חברה'שער

קראַם אויך נאָך אײגענע בעקערײען, וואו מען קען קריגען גוטע ברויט און דערצו בילינ. די חברה'שע קראָמען פערקויפען אַלער-ליי עסענוואַרגען און נויטיגע זאַכען, וואָס דער אַרבײטער מוז האָבען צום לעבען, ווי למשל, שוכוואַרג, קליידער, בעהייצונג, וועש און ד. ג. אויסער דעם האָבען די חברות זייערע אײגענע רעסטאָראַציעס, קאַווע־הײזער, און אַנדערע—אפילו אויך אַפּטײ־קען. אַזוינע חברות עקסעסטירען אין אַלע פּונקטען, וואו די פּראָדוקציאָן איז מעהר ענטוויקעלט, אין אַלע שטעדט און דער־פער, וואו עס געפינט זיך אַ גענוגע צאָהל מיטגלידער פון דער אַרבײטערפּאַרטיי, אין די גרויסע שטעדט, וואו עס זײנען דאָ אַ גרויסע מאַסע אַרבײטער, ווי למשל, אין גענט, אַנטווער־פּען, בריוסעל א. ז. וו. טראָגען אַזוינע חברות יעהרליך איין פון 130 ביז 140 טויזענד רובל.

אַלס מיטגליעד ווערט צוגענומען יעדערער, ווער עס שטימט נאָר איין מיט דער פּראָגראַמע פון דער אַרבײטערפּאַרטײ, צאָהלט אײן 10—20 קאָפּ. אײנטרעט־געלד און קויפט אַ'ן אַקציע, וואָס קאָסט ניט מעהר ווי 4 רובל. די 4 רובל דאַרף מען אָבער ניט אײנצאָהלען מיט אַ מאָל, גלײך ווי מען טרעט אַרײן אין דער חברה, דאָס רעכענט מען דערנאָך אַראָב פון ריוח, וואָס קומט אוים אויף זײן חלק. בײ אַזא אָרדנונג קען אַפילו דער אָרעמסטער אַרבײטער ווערען אַ מיטגליעד פון דער חברה. די גרויס פון אַזוינע חברות און די צאָהל פון איהרע מיטגליעדער וואַקסט פון יאָהר צו יאָהר, מעהר ניט ווי אין 6 חברות איז אין משך פון 4 יאָהר (1889—1893) די צאָהל פון די מיטגליע־דער אויסגעוואַקסען פון 13 ביז 30 טויזענד מאַן.

די בעדײטונג פון די פּראָדוקטיו־חברות און קאָנסום-פער-אײנען איז פאַר די אַרבײטערפּאַרטײ שוין דערמיט אַלײן זעהר גרויס, וואָס זיי גיבען איהר אַוועק אַ דריטעל פון זײער ריוח און אין דער צײט פון אַ נויט, ווי למשל, בײ אַ גרויסען שטרײק אָדער פאַר די וואַהלען, גיבען די מיטגליעדער דער פּאַרטײ מיט פרייד אַוועק אויך זייער אײגענעם חלק ריוח. נאָר אויסער

דעם, וואָס די פּאַרטיי שעפּט דעם גרעסטען טהייל פון איהרע
מיטלען פון דיזע חברות. זיינען זיי נאָך וויכטיג פאַר איהר מיט
דעם, וואָס זיי ציהען צו צו איהר נייע מיטגליעדער. א'ן אַנדער
אַרבייטער, וועלכער טרעט אַריין אין דער חברה מעהר ניט
דערפאַר, וואָס ער וויל האָבען גוטע און ביליגע סחורות און
בעקומען אַ טהייל פון די פערדינסטען, ווערט מיט דער צייט
אַ קלאַסענבעוואוסטער סאָציאַלדעמאָקראַט. אין די זאַלען פון די
רעסטאָראַציעס, וואָס געהערען צו די חברות, קומען אָפט פאַר
פערזאַמלונגען, אויף וועלכע די מיטגליעדער פון דער פּאַרטיי
האַלטען רעדעס, אָדער וואו די פעראייניגטע אַרבייטער זיינען זיך
מישב וועגען זייערע אינטערעסען, געפינענדיג זיך שטענדיג צווי-
שען ענטוויקעלטע אַרבייטער און בעזוכענדיג די פערזאַמלונגען,
הייבען אָן די ווענִיגער ענטוויקעלטע אַרבייטער ביסלעכווייז צו
פערשטעהען די פּראָגראַמע פון דער פּאַרטיי, די וויכטיגקייט פון
שטרייט פאַר'ן אַרבייטערקלאַס, און מיט דער צייט נעהמען זיי
אַליין אויך אַ'ן אַנטהייל אין דיזען שטרייט. די חברות ווידער
גיבען אַרבייט אַזוינע אַרבייטער, וועלכע האָבען פערלאָרען זייער
שטעלע דערפאַר, וואָס זיי זיינען טהעטיג געוועזען פאַר דער פּאַר-
טיי. אין בעלגיען, ווי אומעטום, ליידט מען ניט קיין „אונ-
רוהיגע קעפּ", מען האָט זייער ניט ליעב אַזעלכע אַרבייטער,
וועלכע ווילען עטוואָס אָפּען מאַכען די אויגען פון זייערע ברי-
דער און רופען זיי צום שטרייט געגען די בעלי-הבתים און דער
רעגירונג. די בעלי-הבתים וואָלטען וועלען אַזוינע אונרוהיגע
אַרבייטער אין גאַנצען ענטזאַגען, נאָר געגען אַלעמען קענען זיי
אַזאַ מיטעל ניט אָנווענדען, וואָרום אַזעלכע אַרבייטער איז דאָ
זעהר פיעל און ווען מען זאָל זיי ענטזאַגען, דאַרף מען צומאַכען
די גאַנצע פאַבריק אָדער ווערקשטאַט. זייער גאַנצען כעס לאָזען
זיי דעריבער אויס צו איינציגע, צו די בעסטע און ענטוויקעלטע
אַרבייטער: זיי ענטזאַגען זיי פון דער אַרבייט כדי צו צונעהמען
ביי זיי די שטיקעל ברויט. די חברות קומען דעריבער צו הילף
אַזעלכע אַרבייטער, וועלכע ליידען פאַר אַ כלל זאַך און גיבען זיי

ארבייט ביי זיך, כדי זיי זאלען קענען טהאן פאר'ן כלל און וויטער פערשפרייטען צווישען די פינסטערע ארבייטער די ליכטיגע סאציאלדעמאקראטישע אידעען.

אט צוליעב די אלע אורזאכען גיבען צו די פראדוקטיוו- און קאנסום-חברות דער בעלגישער ארבייטערפארטיי נייע קרעפטען.

מען דארף אבער דערביי זאגען, אז דער ארבייטערקלאס קען זיך אויף קיין שום אופן ניט בעפרייען פון דעם קאפיטאליסטענקלאס מיט דער הילף פון פראדוקטיוו חברות. די ארבייטער האבען ניט אזוי פיעל געלד, אז זיי זאלען קענען מאכען אין אלע, אדער כאטש אין דאס רוב פראדוקציאנס-צווייגען אזעלכע פראדוקטיוו-חברות. אפילו די גרעסטע בעלגישע פראדוקטיוו-חברות בעשעפטיגען זיך נאר מיט איין מלאכה, מיט בעקעריי. פאר וואס? וויל אין דעם סארט ארבייט איז נאך ניטא אין בעלגיען קיין גרויסע קאפיטאליסטישע בעקערייען. די בעקערייען פון די ארבייטער-חברות זיינען אין בעלגיען די גרעסטע, אין זיי ארבייט מען מיט מאשינעם און פארע, די קליינע בעקערייען קענען ניט פערקויפען אזעלכע גוטע ברויט אזוי ביליג, ווי די גרויסע חברה'שע. פערשטעהט זיך, אז די חברה'שע בעקערייען ציהען אב ביי די קליינע בעקערס דאס רוב פון זייערע קונדען און די קליינע בעקערייען מוזען סוף כל סוף אונטערגעהען. ניט אזוי אבער איז אין אנדערע פראדוקציאנסצווייגען, וואו עס עקסעסטירען נאר גרויסע אונטערנעהמונגען, אויף וועלכע עס ווערט אליין געארבייט מיט פאראווע מאשינעם, געגען אזוינע רייכע פאבריקאנטען און אמאל נאך געגען גאנצע געזעלשאפטען פון קאפיטאליסטען קענען זיך די ארבייטער-חברות ניט שטעלען, און ווען זיי וואלטען זיך יע געשטעלט, וואלטען זיי ניט געקענט אויסהאלטען די קאנקורענציע מיט זיי. די ארבייטער-חברות וואלטען מעהר ניט געקענט האבען ווי קליינע אונטערנעהמונגען, אויף גרויסע וואלט ביי זיי ניט געסטאיעט קיין געלד, דעריבער וואלטען זיי די רייכע פאב-

ריקאַנטען גאַנץ לײַכט אײנגעשלונגען און חרוב געמאַכט. — די פּראָדוקטיװ-און קאָנסום-חברות קענען אַלזאָ עקסיסטירען נאָר דאָרטען, װאו עס זײַנען נאָך ניטאָ קײן גרויסע פאַבריקען, און דאָס הײסט, אַז די חברות קענען מאַכען זעלבשטענדיג נאָר אַ קלײנע צאָהל אַרבײַטער, בעפרײַען דעם גאַנצען אַרבײַטער-קלאַס האָבען זײ בשום אופן ניט ביכולת. אַגב קענען זײ דאָס ניט צוליעב אַן אַנדער אורזאַכע. װען מיר זאָלען זיך שוין פאָר-שטעלען, אַז די אַרבײַטער האָבען גענוג געלד און קענען אין אַלע סאָרטען אַרבײַט גרינדען גרויסע אַרבײַטער-חברות, — נאָך מעהר, װען מיר זאָלען זיך שוין פאָרשטעלען, אַז די אַרבײַטער-חברות קענען גאַנץ לײַכט קאָנקורירען מיט די פּריװאַט-פאַבריקען און זײ אפילו אין גאַנצען אַרויסטופּען פון מאַרק, קען אפילו דאַן דערפון גאָר ניט אַרויסקומען. װאָרום יעדע אַרבײַטער-חברה װאָלט דאָך געװען אַ בעזונדערע אונטערנעהמונג — אַלץ אײנס װי די איצטיגע פּריװאַט-אונטערנעהמונגען — און װאָלט אויך גע-מאַכט סחורה, װי עס טהוען הײַנט די פאַבריקען. סוף כל סוף װאָלט זיך דערײַבער אָנגעהויבען דער זעלביגער טאַנץ, װעלבען מיר זעהען איצטער צװישען די קאַפּיטאַליסטען: עס װאָלט זיך אָנגעהויבען אַ קאָנקורענציע צװישען פערשידענע אַרבײַטער-חברות; די גרעסטע װאָלטען אײנגעשלונגען די קלענערע און די מיטגלידער פון די קלענערע אַרבײַטער-חברות װאָלטען פון דאָס נײַ װערען די זעלביגע אָרימע אַרבײַטער, און װאָלטען זיך מוזען פערדינגען פאַר שכירות בײַ די גרעסערע חברות. עס װאָלטען װידער אָנגעהויבען צו עקסיסטירען 2 קלאַסען: אַ קלאַס רײַכע בעלי-הבתים און אַ קלאַס אָרעמע אַרבײַטער. — דער אַרבײַטערקלאַס קען זיך אײן מאָל פאַר אַלע מאָל בעפרײַען נאָר אין דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג, װען אַלע פּראָדוקציאָנס-מיטלען װעלען געהערען צום גאַנצען כלל, צו דער גאַנצער גע-זעלשאַפט, װען אַלע אונטערנעהמונגען װעלען זײַן גלײַך װי אײן געװאַלטיג-גרויסע אַרבײַטער-חברה.

אויסער די אַרבײַטערבונדען און חברות, װעגען װעלכע

מיר האָבען פריהער גערעדט. עקסיסטירען נאָך אין בעלגיען אונטערשטיצונגס-געזעלשאַפטען, וועלכע שטיצען זייערע מיטגליעדער, ווען יענע זיינען קראַנק אָדער געהן אַרום אָהן אַרבייט. דיזע געזעלשאַפטען אָדער קאַסען געהערען אויך צו דער אַרבייטערפאַרטיי. כל זמן דער אַרבייטער איז געזונד און האָט וואו צו פערדיענען, צאָהלט ער אין קאַסע, כדי צו בעקומען שטיצע פון קאַסע אין אַ נויט. פון די וואָכער פון די מיטגליעדער האָבען די קאַסען מיט וואָס צו שטיצען די בעדערפטיגע, און עס קומט דערינבער אויס, אַז די מיטגליעדער שטיצען זיך איינע די אַנדערע און דערפאַר טאַקי רופען זיך די געזעלשאַפטען „זעלבסטהילף-געזעלשאַפטען"!

בעזונדערס פיעל האָט די אַרבייטערפאַרטיי אַזוינע געזעל-שאַפטען אין די שטעדט געננעגאו און גענט. אין 1893 יאָהר למשל, זיינען געווען אין גענענעגאַו 30 אַזוינע חברות מיט 5.400 מיטגליעדער, זייער אַלגעמיינער פערמעגען איז געווען 12,500 רובל. אויסער וואָס זיי האָבען אויסגעגעבען אויף שטיצע פאַר זייערע מיטגליעדער, האָבען זיי נאָך אין יענעם יאָהר אונ-טערגעשטיצט די פאַרטיי גופא מיט מעהר ווי 880 רובל. אין גענט האָבען זיך די אַלע הילף חברות אין מערץ 1890 יאָהר פעראייניגט אין איין גרויסע חברה, וועלכע האָט געהאַט 10 טויזענד מיטגליעדער.

צו דער אַרבייטערפאַרטיי געהערען ענדליך פּראָפּאַגאַנ-דע-געזעלשאַפטען, וועלכע פערנעהמען זיך נאָר מיט'ן פערשפרייטען די סאָציאַלדעמאָקראַטישע אידעען. די געזעל-שאַפטען אַרבייטען, פערשטעהט זיך, איבערהויפּט צווישען די אַרבייטער, נאָר איינגע פון זיי פערשפרייטען די סאָציאַלדעמאָ-קראַטישע לעהרע אויך צווישען די בויערן, סטודענטען און אפילו צווישען די סאָלדאַטען, צווישען די בעלגישע סטודענטען און געבילדעטע לייט, צווישען די לעהרער און פּראָפּעסאָרען געפי-נען זיך זעהר פיעל אָנהייגנער פון דער אַרבייטערפּאַרטיי. פון 1888 יאָהר עקסיסטירט אַ „געזעלשאַפט פון סאָציאַליסטישע

סטודענטען", וועלכע פערשפרייט די סאציאלדעמאקראטישע
אידעען צווישען די סטודענטען און ארבייטער. צווישען די סאל-
דאטען האט זיך אויך געגרינדעט א „יונגע סאציאלדעמאקראטי-
שע גווארדיע", וועלכע פערשפרייט די סאציאלדעמאקראטישע
אידעען צווישען איהרע חברים-סאלדאטען. די פארטשריטען פון
דיזער גווארדיע זיינען זייער גרויס. די בעלגישע ארמעע בע-
שטעהט כמעט אין גאנצען פון דער ארעמער ארבייטער-בעפעל-
קערונג. די רייכע האבען א קנאפען חשק צו דיענען פאר זעל-
נער און קויפען זיך דעריבער אויס מיט געלד, אדער שטעלען
פאר זיך אנדערע — ארימע. דער בעלגישער זעלנער איז ניט
צופריעדען מיט אזוינע פאראנדקעס, ער פיהלט אויף זיך אליין,
ווי שווער עס איז דער יאך פון דער בורזשואזיע, און לייענט מיט
חשק די סאציאלדעמאקראטישע ביכער און צייטונגען, הערט מיט
חשק די סאציאלדעמאקראטישע רעדעס וועגען דער נויטיגקייט צו
פערניכטען די עקסיסטירענדע ארדנונג. אט דאס איז די אור-
זאכע, וואס די „יונגע סאציאלדעמאקראטישע גווארדיע" מאכט
אזוינע גרויסע פארטשריטען צווישען דעם חיל.

זיך אנשפארענדיג אויף די ארבייטערבונדען, פראדוקטיוו-
און קאנסום-חברות, זעלבסטהילף-חברות און פראפאגאנדע-געזעל-
שאפטען, בילדעט די בעלגישע ארבייטערפארטיי א ריעזיגען
מאכט. זי איז שטארק אי מיט דער צאהל פערשטענדיגע מיט-
גליעדער, אי מיט דער איינשטימיגקייט, וואס הערשט צווישען זיי,
אי מיט דער גרייטקייט פון יעדער מיטגליעד מקריב צו זיין פאר
דער פארטיי זיין געלד, זיין צייט, זיין מיהע און אויב עס איז
נויטיג—אין א מינוט פון א'ן ענטשיידענדען בלוטיגען קאמפף—
אויך דעם לעבען...

די מאכט פון דער ארבייטערפארטיי האט זיך ארויסגעווי-
זען אויף די וואהלען פון אקטאבער 1894 יאהר.

## 6. דער נצחון פון דער אַרבייטערפּאַרטיי אויף די וואַהלען.

אין אָקטאָבער 1894 יאָהר האָבען זיך די בעלגישע אַרבייטער צום ערשטען מאָהל בענוצט מיט'ן וואַהלרעכט, און האָבען גלייך געהאַט אַ גלענצענדען נצחון.

עס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען 28 סאָציאַלדעמאָקראַטען אין פּאַרלאַמענט, און די קאַנדידאַטען, וועלכע די אַרבייטערפּאַרטיי האָט אַרויסגעשטעלט, האָבען געקראָגען 346 טויזענד שטימען. אין סך-הכל בעשטעהט דער בעלגישער פּאַרלאַמענט פון 152 דעפּוטאַטען, וועלכע האָבען צוזאַמען געקראָגען 1,800,000 שטימען. די סאָציאַלדעמאָקראַטען האָבען אויף אַזאַ אופן בעקומען כמעט אַ פינפטען טייל דעפּוטאַטען און שטימען. [1])

[1]) ווי די פּארטיי איז ריזיג געוואקסען פאר די לעצטע 8 יאהר קענען ווייזען די רעזולטאטען פון די וואהלען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען פאר דיעזער צייט.

אין 1896 יאהר האט מען (נאך דעם נייעם געזעץ איבער די וואהלען, לויט וועלכען יעדע 2 יאהר ווערט די העלפט פון פארלאמענט אויף דאס ניי אויסגעקליבען) געדארפט איבערבאלאָטירען 77 דעפּוטאטען. די וואהלען זיינען פאָרגעקומען אין בויערן-טייל פון בעלגיען. חאטש די סאָציאליסטען האבען דאן ניט דורכגעפיהרט קיין נייעם דעפּוטאט אין פארלאמענט, האבען זיי דאָך געוואונען א בעדייטענדע צאָהל נייע שטימען.

א נייעם צוּוואוּקס פון שטימען האט די פארטיי געהאט אויך ביי די וואהלען פון 1898 יאהר, אָבער עס איז איהר ווידער ניט געלונגען דורכצופיהרען א נייעם דעפּוטאט אין פארלאמענט. די אורזאכע דערפון איז געלעגען אין דעם סיסטעם פון די וואהלען, דעם „מעהרהייטס-סיסטעם", ער בעשטעהט אט אין וואס. אין ברויסעל, למשל, דארף מען אויסקלייבען 18 דעפּוטאטען, און דארטען איז פאראנען, לאמיר זאגען, 50 טויזענד אויסקלייבערס, יעדע פארטיי שטעלט דאן ארויס א צעטעל פון איהרע דעפּוטאטען, און דער צעטעל רעכענט זיך פאר אויסגעקליבען, אויף וועלכען עס איז געפאלען די מעהרהייט פון די שטימען, צ. ב. 26 טויזענד. אויף אזא אופן שיקט די פארטיי, וואס האט בעקומען 26 טויזענד שטימען, 18 דעפּוטאטען אין פארלאמענט. די

דער נצחון איז א זעלטענער, וויען מיר וועלען ניט פערגעסען, אז אין בעלגיען עקסיסטירט חאטש אפילו א'ן אלגעמיינער, אבער ניט קיין גלייכער וואהלרעכט, אז בעת די רייכע האבען צו 2 און 3 שטימען, האבען דאס רוב ארבייטער ניט מעהר ווי צו 1 שטימע; מעהר ניט אין די קליינע שטעדטלעך און דערפער, וואו דער ארבייטער האט דאס רוב א'ן אייגענע הייזעל, קענען זיך געפינען ארבייטער, וואס זאלען האבען צו 2 שטימען אויך. אויף אזא אופן קומט אויס, אז איין רייכער האט אזוי פיעל שטימען וויפיעל 2 אדער 3 ארבייטער, אדער אנדערס גערעדט, א געוויסע צאהל ארבייטער קען אויסקלייבען אין פארלאמענט 2—3 מאהל וועניגער פארשטעהער, איידער די

---

אבער, וואס האט בעקומען 24 טויזענד שטימען, האט אפילו קיין איין דעפוטאט אויך ניט. פערשטעהט זיך, אז אזא סיסטעם איז ניט קיין יושר. דעריבער האבען די סאציאליסטען געפאדערט דעם „פראפארציאנעלען" סיסטעם, ביי וועלכען יעדע פארטיי, וועלכע בעקומט אויף די וואהלען א געוויסע צאהל שטימען, בעקומט לויט דעם א געוויס'ע צאהל דעפוטאטען אין פארלאמענט, אויב, למשל, יעדע צעהן טויזענד אויסקלייבער האבען דאס רעכט אויף איין דעפוטאט, דאן האט די פארטיי, וואס האט בעקומען 50 טויזענד שטימען, דאס רעכט אויף פינף דעפוטאטען א. ז. וו. אין אין 1899 יאהר האבען זיך די סאציאליסטען נאך א הייסען קאמפף נאכי דערשלאגען צום „פראפארציאנעלען" סיסטעם פון די וואהלען.

אין 1900 יאהר זיינען די וואהלען געגאנגען שוין נאך'ן נייעם סיסטעם. די ארבייטערפארטיי האט זיך דערשלאגען צו א גלענצענדען נצחון. אויף איהר זיינען געפאלען 467 טויזענד שטימען מיט גענויע 120 טויזענד מעהר ווי אין 1894 יאהר, און זי האט בעקומען נייע 5 דעפוטאטען, ד. ה זי האט אין פארלאמענט שוין יצט געשיקט 31 דעפוטאטען.

די לעצטע וואהלען זיינען פארגעקומען אין 1902 יאהר. די פארטיי האט ווידער געהאט א צואוואקס פו'ן נאהענט 10 טויזענד שטימען און האט בעקומען נייע 3 דעפוטאטען, אלזא צוזאמען האט זי איצטער נאהענט 480 טויזענד שטימען און שיקט 34 דעפוטאטען אין פארלאמענט. די צאהל דעפוטאטען וואלט נאך געווען גרעסער, ווען עס וואלט פערניכטעט גע'ווארען די דאפעלטע און דרייאיגע שטימען. דערווייליע איז דאס, ווי דער לעזער וועט ווייטער זעהן, ליידער נאך ניט געלונגען דורכצופיהר'ען. אבער סוף כל סוף וועט דאס דאך דורכגעפיהרט ווערען.

זעלבע צאָהל רייכע. דער בורזשואַזער פּאַרלאַמענט האָט דאָ אַ טעות געהאַט, ער האָט געמיינט, אַז דערמיט וואָס ער וועט געבען די רייכע צו 2:3 שטימען, וועלען די אַרבייטער ניט קענען אויסקלייבען אין פּאַרלאַמענט זייערע פאָרשטעהער; די וואַהלען אָבער האָבען דערוויזען, אַז די איבערגעגעבענהייט צו די סאָציאַלדעמאָקראַטישע אידעען קען לייכט בייקומען אַזאַ שטערונג.

„די גאַנצע לאַנד" — האָבען געקלאָגט די דערשראָקענע קאַפּיטאַליסטען אין דער צייט פון די וואַהלען — „איז אַזוי אויפּגערעגט, גלייך ווי ערב אַ פאָלקס-רעוואָלוציע!" און אין אמת האָט די בורזשואַזיע דאַן קיין מנוחה שעה ניט געהאַט פון די סאָציאַלדעמאָקראַטען. טאָג-טעגליך פלעגט די אַרבייטערפּאַרטיי צוזאַמענרופען אין אַלע שטעדטלעך און דערפער גרויסע פאָלקס־פערזאַמלונגען. איהרע פאָרשטעהער פלעגען אָהן אַ'ן אָברוה אַרומפאָהרען אין יענע געגענדען, וואו זיי האָבען גערעכענט אויסגעקליבען צו ווערען פאַר דעפּוטאַטען, פלעגען ערקלערען די דאָרטיגע איינוואָהנער די פאָדערונגען פון דער אַרבייטער־פּאַרטיי און פלעגען ראַטהען די אַרבייטער אויסצוקלייבען פאָר־שטעהער פון די סאָציאַלדעמאָקראַטען. אויסער דעם פלעגען נאָך די סאָציאַלדעמאָקראַטען בעזוכען די פערזאַמלונגען, וועלכע זייערע געגנער, די קאַפּיטאַליסטען. פלעגען מאַכען און פלעגען דאָרטען עפענען דעם פאָלק די אויגען, דערציילענדיג איהם, ווי פאַלש די קאַפּיטאַליסטען זיינען, ווי אונמעגליך עס איז, אַז די קאַפּיטאַליסטען זאָלען ערפילען דאָס, וואָס זיי זאָגען צו, און ווי די אַרבייטער דאַרפען זיך היטען ניט אַריינצופאַלען אין זייער נעטץ. סיי אין הויפּטשטאָדט, סיי אין די פערוואָרפענע ווינקעלעך; סיי אין די פאַבריטשנע שטעדט, סיי אין די געגענ־דען, וועלכע זיינען בעוואָהנט מיט שטיינקוילען גרעבער; סיי צווישען די שטאָדטיגע אַרבייטער, סיי צווישען די בויערן, — אומעטום פלעגען זיך אַלע טאָג לאָזען הערען די פייערדיגע רעדעס פון די סאָציאַלדעמאָקראַטען. אין אַנדערע ערטער

פלעגען אָפטמאָהל אין איין טאָג פאָרקומען מעהר ווי 50 סאָציאַל-
דעמאָקראַטישע פערזאַמלונגען. אין די דערפער פלעגען די
פערזאַמלונגען פאָרקומען איבערהויפּט זונטאָג, גלייך נאָכ'ן קירכע.
פון ברויסעל און אַנדערע גרויסע שטעדט פלעגען זיך אַלע זונטאָג
אַרויסלאָזען 20-25 סאָציאַלדעמאָקראַטען אין די אַרומיגע דערפער,
פלעגען צוטהיילען צווישען די בויערן סאָציאַלדעמאָקראַטישע
ביכלעך און פלעגען זיי בעטען קומען נאָכ'ן קירכע אויף די
פערזאַמלונגען, וועלכע וועלען שפּעטער פאָרקומען. אויסהערענדיג
דעם מוסר פון גלח, פלעגען די בויערן מאַסענווייז געהען הערען
די רעדעס פון די סאָציאַלדעמאָקראַטען, וועלכע פלעגען מאַכען
זייערע פערזאַמלונגען ניט ווייט פון קירכע. און אין פיעלע
ערטער האָבען די סאָציאַלדעמאָקראַטען איבערצייגט די בויערן
אין דעם, אַז די אַרבייטערפּאַרטיי, אוי טאַקי נאָר זי, וויל און
קען העלפען דעם גאַנצען פערהאָרעוועטען און געדריקטען פאָלק.
פיעלע בויערן האָבען געגעבען זייערע שטימען פאַר די סאָציאַל-
דעמאָקראַטען און אין די געגענדען, וועלכע ליגען ניט ווייט
פון די גרויסע פאַבריטשנע שטעדט, האָבען די סאָציאַלדעמאָ-
קראַטען אַפילו בעקומען דעם מעהרסטענטייל בויערן-שטימען.

די אַרבייטערפּאַרטיי האָט צוגעצויגען צו זיך מיטגליעדער
ניט נאָר דורך פערזאַמלונגען און רעדעס, נאָר אויך דורך ביכלעך
און צייטונגען. די אַרבייטערפּאַרטיי גיט אַרויס 5 טעגליכע
צייטונגען, וועלכע האָבען צוזאַמען ביז 70 טויזענד אַבאָנענטען.
כדי צו פערשפּרייטען די סאָציאַלדעמאָקראַטישע אידעען צווישען
די בויערן, גיט די פּאַרטיי אַרויס אַ וועכענטליכע צייטונג „דער
ערד-אַרבייטער", וועלכער דרוקט זיך אי אויף פראַנצויזיש, אי
אויף פלאַמאַנדיש. פאַר די זעלנער גיט זי אַרויס אַ בעזונדערע
צייטונג „רעקרוט". דערצו דאַרף מען נאָך צולעגען די וועכענט-
ליכע און צווי-וועכענטליכע צייטונגען, וועלכע עס גיבען אַרויס
די פערשיעדענע אַרבייטער-בונדען. אויסער דעם איז אין דער
צייט פון די וואַהלען אָבגעדרוקט געוואָרען אַ גאַנצע רייהע
בראָשורען, וועלכע מען האָט צוטהיילט אומזיסט. אויף אַזאַ

אופן האָט מען פאַנאַנדערגעטיילט צו צעהן טויזענד עקזאַמפּליאַ־רען ציווי בראָשורען, וועלכע האָבען געוועכט וועגען דעם, וואָס איז דאָס אַזוינס סאָציאַליזמוס און וואָס וויל זיך דערשלאָגען די אַרבייטערפּאַרטיי, דאַן 2 מיליאָן בראָשורען פאַר אַרבייטער פון פערשיעדענע מלאכות: פאַר שטיינקויהלען-גרעבער, פאַר שטיינהאַקער, מוליאַרעס, שלעסער, שפּינער, וועבער, שניידער, פאַר אייזענבאַהן-אַרבייטער, פּריקאַזטשיקעס, לעהרער און ד. ג. פאַר די בויערן און קאַטוילישע אַרבייטער האָט מען אויך אַרויס־געגעבען 2 בעזונדערע בראָשורען. ענדליך האָבען די סאָציאַל-דעמאָקראַטען אין אַלע ווינקעלעך פאַנאַנדערגעוואָרפען און אָנגעקלעפּט אָהן אַ שיעור פּראָקלאַמאַציעס, פלוג-בלעטער און אויפרופען.

די פערזאַמלונגען, דער שטענדיגער אַרומרייזען, דאָס דרוקען פון צייטונגען, ביכלעך, אויפרופען — דאָס קאָסט אַלץ גוטע געלד. וואו האָט דאָס די אַרבייטערפּאַרטיי גענומען? פריהער ווי אַלץ, ווי מיר האָבען שוין געזעהען, פון דעם ריוח פון די פּראָדוקטיוו און קאָנסום-חברות און דערנאָך פון די איינ־צאָהלונגען פון איהרע מיטגליעדער. די פערשטענדיגע אַרבייטער זיינען מיט פערגעניגען מקריב זייערע לעצטע, אָבגעשפּאָרטע גראָשענס אויף'ן קאַמפּף מיט דער בורזשואַזיע און אויף דער בילדונג פון זייערע אָבגעשטאַנענע ברידער. פון די פערהאָרע־ווען גראָשענס, וועלכע עס גיבען די הונדערטע טויזענדע מיטגליעדער פון דער אַרבייטערפּאַרטיי. ווערט גאַנצע טויזענדער רובל, — די קאַמפּף-קאַסע פון קעמפּפענדען פּראָלעטאַריאַט.

די אונערמידעטע טהעטיגקייט פון די סאָציאַלדעמאָקראַטען האָט געבראַכט צו אַזעלטענעם נצחון אויף די אָקטאָבער-וואַהלען. זעהר גרויס איז געווען די מיה, אָבער נאָך גרעסער איז געווען דער שכר פאַר איהר.

דער נצחון פון דער אַרבייטערפּאַרטיי בעשטעהט ניט אַזוי אין דער צאָהל פון דעפּוטאַטען, וואָס זי האָט געקראָגען אין פּאַרלאַמענט, ווי אין דעם, וואָס זי האָט כמעט אין גאַנצען

פערניכטעט איינע פון די אלטע בורזשואזע פארטייען, די ליבעראלע פארטיי.

ביז איצט האבען אין בעלגיען עקסיסטירט צוויי בורזשואזע פארטייען: א ליבעראלע און א קלעריקאלע (גלה'ישע). ביידע פארטייען זיינען ניט געוועזען בעסער איינע פאר די אנדערע; זיי האבען ביידע בעשיצט די אינטערעסען פון דער בורזשואזיע. דער אונטערשיעד פון זיי ביידען איז געוועזען מעהר ניט דער, וואס די גלח'ישע פארטיי האט אויסער דעם, וואס זי האט בעשיצט די הערשאפט פון דער בורזשואזיע, נאך געקעמפפט פאר דער הערשאפט פון די גלחים, בעת די ליבעראלע פארטיי האט געוואלט, אז די בורזשואזיע זאל איינע אליין זיין די גאנצע בעל-הבית'טע אין לאנד. די קאטוילישע גלחים זיינען אין בעלגיען זעהר רייך, זיי האבען גרויסע מאיאנטקעס און נאך אנדערע גרויסע פערמעגענס. אט דיעזע רייכע גלח'ישע ערד-בעזיצער צוזאמען מיט אנדערע פרומע רייכע פריצים זיינען די אנפיהרער פון דער קלעריקאלער פארטיי. פון אנדערע קלאסען שטעהען צו צו דער קלעריקאלער פארטיי, דער עקר, די אונוויסענדע בויערן, וועלכע קלייבען אוים יענעם, וועמען דער ארטיגער גלח הייסט. צו דער ליבעראלער פארטיי געהערען דער עקר פאבריקאנטען איבערהויפט בורזשוא, גרעסערע און קלענערע. די קלאסען-געוואוסטע ארבייטער האבען, פערשטעהט זיך, ניט געוואלט וויסען, ניט פון די ליבעראלע, ניט פון די קלעריקאלע פארטייען, אבער זיי האבען דאך ביז אהער קיין וואהלרעכט ניט געהאט; אויף זייער מיינונג האט מען געקוקט. ווי אויף פארא-יאהרעדיגען שנעה, און אין לאנד האבען צעהנדליגער יאהרען (זינט דער קאנסטיטוציע פון 1831 יאהר) נאכאנאנד געהערשט דא די ליבעראלע פארטיי, דא די קלעריקאלע; די ליבעראלע פארטיי האט געהערשט דאן, ווען דער גרעסטער טייל פארשטע-הער אין פארלאמענט האט געהערט צו איהר; די קלעריקאלע, ווען דער גרעסטער טייל פארשטעהער איז געוועזען איהרער[1].

---

[1] אין פארלאמענט ווערט יעדע זאך בעשלאסען נאך'ן רוב שטימען,

ווי האָבען זיך די קלעריקאַלען און ליבעראַלען בענוצט מיט זייער רעגירונגס-מאַכט ? — ביידע האָבען געזאָרגט וועגען דער בורזשואַזיע און איהרע אינטערעסען ; די קלעריקאַלען האָבען נאָך אויסער דעם געזוכט צו ברייננגען נוצען די גלחים . פאַר די אַרבייטער אָבער און פאַר דער איבעריגער אָרעמער בעפעלקערונג האָבען זיי זיך גאַנץ ווענינ וואָס געקימערט, זיי האָבען זיך בעזאָרגט וועגען אַרבייטער נאָר דאַן, ווען זיי האָבען גערעכענט אַרויסצוקריגען פון איהם אַ וואָסערע עס איז טובה . יעדערע פון די בורזשואַזע פּאַרטייען פלעגט צוזאָגען דעם פאָלק גילדערנע בערג, בשעת זי פלעגט זיין שוואַך, בשעת זי פלעגט האָבען ווענינער דעפּוטאַטען איידער די אַנדערע, און די מאַכט איז דעריבער געווען ביי די אַנדערע אין די הענד. קוים אָבער פלעגט איהר וואונש מקוים ווערען, קוים פלעגט זי נאָר ווערען די הערשענדע פּאַרטיי אין לאַנד, פלעגט זי באַלד פערגעסען איהרע אַלע הבטחות און פלעגט דעם אַרבייטער בעהאַנדלען ניט בעסער, ווי די פריהערדיגע פּאַרטיי.

אַזוי איז זיך אַוועק 50 יאָהר ; די גאַנצע צייט האָט דעם אַרבייטערקלאַס געגאַרט אַ מאָל די פּאַרטיי, אַ מאָל יענע, אָהן אַ שום שאָדען פאַר זיך . אָבער נאָך די וואַהלען פון 1894 יאָהר איז צו דיזער פּאָליטיק געקומען אַ סוף . אין בעלגיען איז אַרויסגעטרעטען אַ נייע קראַפט , די אַרבייטערפּאַרטיי מיט הונ= דערטע טויזענדע נייע אויסקלייבער, און דיזע קראַפט האָט

---

זעלבסטפערשטענדליך, אז די פארטיי, וועלכע האט פאר זיך אין פארלאמענט דעם גרעסטען טייל דעפוטאטען, קען ארויסגעבען און אומבייטען געזעצען, וועלכע זי געפינט פאר זיך נייטיג. אויסער דעם האבען מיר שוין געזעהן, אז אן פארלאמענט ווענדעט זיך אין בילגיען די גאנצע רעגירונג. מיר האבען געזעהן, אז דער פארלאמענט קען אראבווארפען די מיניסטארען און הייסען דעם קיסר אויסקלייבען אנדערע, ד. ה. אויב דער קיסר וויל, אז די מיניסטא= רען זאלען זיך האלטען, מוז ער זיי אויסקלייבען פון יענער פארטיי, וועלכע האט דעם גרעסטען טייל דעפוטאטען אין פארלאמענט, ממילא קומט שוין אויס, אז די גאנצע רעגירונגס-מאכט פון לאנד געפינט זיך ביי יענער פארטיי, וועלכער עס געהערט דער גרעסטער טייל דעפוטאטען אין פארלאמענט.

כמעט אין גאַנצען פערניכטעט די ליבעראַלע פּאַרטיי: פון די 59 דעפּוטאַטען, וועלכע די פּאַרטיי האָט געהאַט אין פריהער-דיגען פּאַרלאַמענט, זיינען ביי איהר איצטער געבליבען מעהר ניט 15!

דער נצחון פון דער אַרבייטערפּאַרטיי האָט געהאַט נאָך אַ נוצליכע ווירקונג. אויסער ליבעראַלען און קלעריקאַלען זיינען נאָך אין פּאַרלאַמענט געווען עטליכע דעפּוטאַטען, וועלכע האָבען גאַנץ ערנסט געוואָלט עטוואָס אויסבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער. דיזע דעפּוטאַטען היסען „פּראָגרעסיסטען". פריהער פלעגען זיי זיך רעכנען צו די ליבעראַלען, איצטער אָבער, נאָך די אָקטאָבער-וואַהלען, וועלען זיי שטיצען אין פּאַרלאַמענט די סאָציאַלדעמאָקראַטען. אין איצטיגען פּאַרלאַמענט געפינען זיך 5 אַזוינע פּראָגרעסיסטען, וועלכע זיינען אויסגעקליבען געוואָרען מיט דער הילף פון דער אַרבייטערפּאַרטיי. די אַרבייטער האָבען געגעבען זייערע שטימען פאַר זיי מיט דעם תנאי, אַז זיי זאָלען ווירקען צוזאַמען מיט די סאָציאַלדעמאָקראַטישע דעפּוטאַטען.

אַלזאָ, איצטער וועט אין פּאַרלאַמענט פאָרקומען אַ שטרייט שוין ניט צווישען די ליבעראַלען און קלעריקאַלען. נור צווישען די קלעריקאַלען און די סאָציאַלדעמאָקראַטען. דער שטרייט צווישען די ביידע בורזשואַ פּאַרטייען האָט דעם אַרבייטער קיין שום נוטצען ניט געבראַכט; פערקעהרט, דער שטרייט צווישען דער בורזשואַזער פּאַרטיי און דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי וועט ברענגען דעם אַרבייטערקלאַס זעהר פיעל נוטצען. די סאָציאַלדעמאָקראַטישע דעפּוטאַטען וועלען איצטער זעהן דער-שלאָגען זיך פערשיעדענע פערבעסערונגען פאַר'ן אַרבייטער. מיט די רעדעס, וועלכע זיי וועלען האַלטען אין פּאַרלאַמענט, וועלען זיי בעשיצען די פאָדערונגען פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און עפענען דעם פאָלק די אויגען אויף די שעדליכע טהעטיג-קייט פון די קלעריקאַלען, דער גאַנצער פאָלק הערט זיך שטאַרק צו צו די רעדעס פון די דעפּוטאַטען, און די סאָציאַלדעמאָקראַ-

מען וועלען אויף אַזאַ אופן מיט זייערע רעדעס צוציהען נייע מיטגליעדער צו דער אַרבייטערפאַרטיי.

אמת טאַקי די קלעריקאַלען האָבען דערווײַלע נאָך אַ גרויסע צאָהל דעפוטאַטען אין פאַרלאַמענט, אַלץ צוליעב דעם, וואָס די בויערן און די רייכע האָבען צו 2-3 שטימען; זיי האָבען נאָך אין פאַרלאַמענט גאַנצע 104 דעפוטאַטען. אָבער איצטער וועלען זיי שוין מוזען ערפילען דאָס, וואָס זיי האָבען צוגעזאָגט די אויסקלייבערס, וואָרום אַז ניט, וועלען זיי די אויסקלייבערס אַ צווייטען מאָל זאָגען: „אַ גוטען טאָג!" ביי דעם אַלגעמיינעם וואַהלרעכט, ווען די אַרבייטערפאַרטיי נעהמט שוין אַ'ן אַנטהייל אין די וואַהלען, וועלען זיי סוף כל סוף פערלירען די גרעסטע מאַסע פון זייערע אָנהענגער: די בויערן וועלען פון זיי אָב-שטעהען און איבערגעהען צו דער אַרבייטערפאַרטיי.

די סאָציאַלדעמאָקראַטען האָבען שוין אָנגעהויבען צו קריגען אָנהענגער צווישען די בויערן, וועלכע זיינען, ווי מיר האָבען שוין געזעהען, די גרעסטע קראַפט פון די קלעריקאַלען; נאָך מעהר, די סאָציאַלדעמאָקראַטען האָבען שוין ביי די ערשטע וואַהלען צוגענומען ביי די קלעריקאַלען אייניגע דעפוטאַטען אין פאַרלאַמענט. אין נ אַ מ י ו ר, למשל האָט מען אויף דעם אָרט פון דעם פריהערדיגען קלעריקאַל, וועלכער איז נאָך דערצו געווען דער ערסטער מיניסטער, אויסגעקליבען אַ סאָציאַלדעמאָ-קראַט, אַ'ן אַרבייטער ד ע פ נ ע. און אויב די קלעריקאַלען וועלען ווייטער אויך וועלען פיהרען דעם בויער פאַר'ן נאָז און איהם צוזאָגען פוסטע חלומות, וועט ער שוין מעהר ניט הערען דעם גלח און וועט צושטעהען צו דער אַרבייטערפאַרטיי. און דאָס פערשטעהט דאָך יעדער, אַז די קלעריקאַלען קענען זיין גוט פאַר'ן בויער נאָר מיט'ן צונג, וואָרום יעדע אמת'ע שטיצע פאַר'ן בויער קען ברינגען שאָדען די גלחים און דער בורזשו-אַזיע. אָט פאַר וואָס די איצטיגע קראַפט פון די קלעריקאַלען איז ניט אויף לאַנג. אָט פאַר וואָס דער נצחון פון דער אַרבייטער-

פאַרטײַ לאָזט זײַ ניט רוהיג שלאָפען, חאָטש זײַ האָבען אין פאַרלאַמענט דעם רוב פון די דעפּוטאַטען.

די אַרבײַטערפּאַרטײַ — איז אַ יונגע קראַפט; די קלעריקאַלען — אַ'ן אָבגעלעבטע קראַפט. די אַרבײַטערפּאַרטײַ שטיצט זיך אויף דער ענטוויקלונג און דעם בעוואוסטזײַן פון די אַרבײַטער און פון אַלע געדריקטע בכלל, און די אונטערדריקטע ענטוויקלען זיך אַלץ מעהרער און ווערען אַלץ מעהר פערשטענדיגער. דעריבער וועט די אַרבײַטערפּאַרטײַ ווערען אַלץ גרעסער און שטאַרקער. די קלעריקאַלען, פערקעהרט, האַלטען זיך אויף דער אונוויסענהײַט פון דער בויערשער מאַסע און אויף פאַלשקײַט; די בויערן אָבער הויבען שוין אַלץ מעהרער אָן צו פערשטעהען, אַז אויף די קלעריקאַלען האָבען זײַ ניט וואָס צו האָפען, אַז די קלעריקאַלען פיהרען זײַ פאַר'ן נאָז. דעריבער וועלען די קלעריקאַלען ווערען אַלץ שוואַכער, אַנדערס גערעדט, צו דער אַרבײַטערפּאַרטײַ וועלען אַלץ צושטעהן נײַע אָנהענגער, פון די קלעריקאַלען וועלען אַלץ מעהרער אַוועקגעהן. ווער פון די בײַדע פּאַרטײַען וועט מנצח זײַן, קען פאַר קײַנעם קײַן ספק ניט זײַן.

דער מעכטיגער קאַמפּף פון דער אַרבײַטערפּאַרטײַ פאַר'ן וואַהלרעכט און איהר ריזיגער נצחון אויף די ערסטע וואַהלען, אין וועלכע עס האָט אַ'ן אַנטהײַל גענומען דער גאַנצער אַרבײַטערקלאַס, זײַנען ערוב דערפאַר, אַז די קראַפט פון דער אַרבײַטערפּאַרטײַ וועט וואַקסען אַלץ מעהרער און מעהרער, און וואו די קראַפט — דאָרטען איז דער נצחון.

אין בעלגיען וועט, אַקוראַט ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, מנצח זײַן דער אַרבײַטערקלאַס.

# מיט אכט יאהר שפעטער.

---

## די לעצטע קאמפפען פאר'ן וואהל-רעכט אין בעלגיען.

די אינטענזיווע טהעטיגקייט פון די סאציאלדעמאקרטען, מיט וועלכער עס האבען זיך איבערהויפט אויסגעצייכענט די לעצטע יאהרען, האט א ביסעל אבגעשוואכט די כוחות פון דער קלעריקאלער פארטיי.

אין איניגע וואהל-קרייזען, וואו דער גרעסטער טייל בעפעלקערונג איז פערנומען אין דער אינדוסטריע, און וועלכע גיבען דעריבער א בעסערען באדען פאר די סאציאליסטישע פראפאגאנדע, האט די צאהל פון שטימען פאר די סאציאלדעמאקראטישע קאנדידאטען אנגעהויבען איבערצושטייגען די צאהל שטימען פאר די קלעריקאלע וואהל-צעטלען. אין פארלאמענט זיינען אריינגעקומען ארבייטער דעפוטאטען, די קלעריקאלע קלענערע צאהל איז אויסענגעבליבען. די רעאקציע האט דערפיהלט א געפאהר און האט אין 1899 יאהר אנגעווענדט זעהר א'ן אונגעשיקטען פאקוס.

אין פארלאמענט ווערט אריינגעטראגען א פארשלאג, נאך וועלכען אין איניגע גרויסע אינדוסטריע-צענטערן זאל אריינגעפיהרט ווערען א פראפארציאנעלע פערטרעטונג: דער עקר דערפון בעשטעהט אין דעם, אז אין פארלאמענט קומען אריין ניט אלע קאנדידאטען פון איין און דעם זעלבען וואהל-צעטעל, וועלכער האט בעקומען די גרעסטע צאהל שטימען, נאר פון

יעדען וואַהל-צעטעל צו איינעם אָדער עטליכע דעפּוטאַטען, לויט נאָך דער צאָהל שטימען, וועלכע דער אָדער יענער וואַהל-צעטעל האָט בעקומען. דערמיט פערזיכערט מען אין אַ געוויסען גראַד די רעכטען פון דער פּאַרטייַ, וועלכע האָט אויף איהרע וואַהל-צעטלען בעקומען אַ קלענערע צאָהל שטימען. און דעריבער האָבען די קלעריקאַלען פאָרגעשלאָגען אַריינצופיהרען דעם געזעטץ נאָר אין די וואַהל-קרייזען, וואו פאַר זיי האָט עקסיסטירט די געפאַהר צו בעקומען אַ קלענערע צאָהל שטימען. אין אַלע אַנדערע ערטער האָט געדאַרפט אַלץ בלייבען ווי פריהער.

דער פּלאַן פון דער רעאַקציע איז געוועזען צו קלאָר. די גרויסע אונרוהען צווישען די אַרבייטער האָבען מיט אַ מאָל צושטערט דעם פּלאַן און האָבען געצוואונגען די קלעריקאַלע פּאַרטייַ דורכצופיהרען אַ פּראָפּאָרציאָנעלע פערטרעטונג אומעטום אין גאַנצען לאַנד.

דאָס איז געוועזען אַ גרויסער שריט פאָראויס. כאָטש די סיסטעם פון אַ פּראָפּאָרציאָנעלע פערטרעטונג, וועלכע מען האָט איינגעפיהרט, איז געוועזען אַזוי פערפלאָנטערט און אונפּאַלקאָם, אַז די אָדער יענע פּאַרטייַ האָט אַלץ ניט געקענט האָבען די ריכטיגע צאָהל פערטרעטער פּראָפּאָרציאָנאַל צו דער צאָהל פון די שטימען, וועלכע די בירגער פלעגען געבען פאַר איהר, דאָך אָבער האָט די לאַגע פון די קלעריקאַלען דערפון פאָרט זיך אָנגעהויבען צו וויגען. אין דער צייט פון די וואַהלען פון 1900 יאָהר האָט די אָפּאָזיציע געהאַט שוין 1,021,311 שטימען, די קלעריקאַלע קאַנדידאַטען אָבער מעהר ניט ווי 993,445 שטימען; אַז דער פּראָפּאָרציאָנעלער פּרינציפּ וואָלט געוועזען ריכטיג דורכגעפיהרט, וואָלט די אָפּאָזיציע געהאַט אין פּאַרלאַמענט 77 דעפּוטאַטען, און פאַר די קלעריקאַלען וואָלט געבליבען מעהר ניט, ווי 75. און אויב איבער אַלערליי פּאַלישקייטען האָט די רעאַקציע בעקומען אַ מעהרהייט פון 16 מאַן, איז דאָך, פערשטעהט זיך, קלאָר, אַז נאָך איין שריט

פאראוים — און די הערשאפט פון די קלעריקאלען וועט צערשטערט ווערען.

איצט האט זיך זייער הערשאפט געשטיצט נאר אויף דעם רעכט פון די צוויאיגע און דרייאיגע וואהל-שטימען, אויף דעם רעכט האלט זיך די הערשאפט פון דער רעאקציע, — נעהמט אב דיזען רעכט און דאן פאלט זי; און דיזען אומשטאנד דארפען מיר האבען אין זינען, אז מיר זאלען קענען ריכטיג אבשאטצען די וויטערדיגע פאסירונגען. אויב אין 1893 און 1899 יאהרען האט זיך פאר דעם קלעריקאליזם געהאנדעלט נאר אום די פראגע וועגען פערשטארקערונג אדער אבשוואכונג פון זיין הערשאפט, איז איצט דער קלעריקאליזם, ווען מיר זאלען רעדען מיט די ווערטער פון „פאראווערטס"[1], „געקומען ביז דעם עכטען ברעג פון יענעם אבגרונד, אין וועלכען ער וועט מוזען ניט אנדערש אריינפאלען, אויב ער וועט אין וואס עס איז נאכגעבען. ביי יעדען וויטערדיגען טריט אויף דיזען וועג האנדעלט זיך פאר דעם קלעריקאליזם אום די פראגע וועגען לעבען אדער טוידט". דער קאמפף מוז זיך פיהרען אויף לעבען אדער אויף טוידט, און יעדע וויטערדיגע פראבע אבצושאפען די הערשאפט פון דער קלעריקאלער פארטיי וועט בעגעגענען פון איהר זייט דעם פערצווייפעלטסטען ווידערשטאנד. אים פריהלינג פון דעם יאהר 1903 האט מען געמאכט אזא פראבע. אין פערלויף פון צוויי יאהר האט די סאציאלדעמאקראטיע געפיהרט א שטארקע אגיטאציע פאר דעם אלגעמיינען, גלייכען וואהלרעכט, איצט האט זי געפונען פאר מעגליך איבערצוגעהען צו ענטשידענע טהאטען. אויסער די סאציאלדעמאקראטען איז אין דעם אלגעמיינעם וואהלרעכט געוועזען פעראינטערעסירט אויך די ליבעראלע אפאזיציע, — דאס הייסט די איינענטליכע ליבעראלען, די פראגרעסיסטען און די קריסטליכע דעמאקראטען.

---

[1]) דער צענטראל-ארגאן פון דער דייטשער סאציאלדעמאקראטישער פארטיי.

אויך אַזוי ווי פֿריהער, ווען די דעמאָקראַטיזירונג פֿון וואַהלרעכט האָט בעלעבט די פּראָגרעסיווע פּאַרטײַ און האָט איהר געגעבען די מעגליכקייט צו בענוצען זיך מיט דעם נצחון פֿון פּראָלעטאַריאַט אום צו פֿערגרעסערען איהרע רײַהען, אַזוי האָט זי אויך איצט געקענט האָפען, אַז יעדע נײַע וואַהל-רעפאָרם וועט איהר ברענגען נאָך גרעסערע נוצען, וועט איהר עפענען דעם וועג צו הערשאַפט, און אַט די האָפנונג האָט איהר צוגעגעבען חשק צום קאַמפף. די אינטערעסען פֿון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע האָבען געטריבען די ליבעראַלע פּאַרטײַ אין די רײַהען פֿון די געגנער פֿון קלעריקאַליזם.

בײַ אַזעלכע אומשטענדען האָט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע, אײדער זי האָט אָנגעהויבען איהר קאַמפף, געמוזט פֿריהער פֿאַר אַלץ בעשטימען, ווי זיך צו האַלטען אַנטקעגען איהרע קאַמפף-גענאָסען — די ליבעראַלען, — צו זאָל זי אַרײַנטרעטען אין אַ בונד מיט זײ, און אויב יע, טאָ אויף וועלכע בעדינגונגען.

נאָר דאַן, ווען עס האָבען זיך געפֿיהרט די צוגרײטונגען צום קאַמפף, פֿאַר די צײַט פֿון מערץ מאָנאַט פֿון יאָהר 1903 (דאַמאָלסט איז אין פּאַרלאַמענט געווען אײַנגעשטעלט די פֿראַגע וועגען דער רעפאָרמע פֿון וואַהלרעכט אין די פֿערטרעטונגען פֿאַר די געמײַנדעס און פּראָווינצען[1] — אַ פֿראַגע, וועלכע האָט געדאַרפֿט שאַפֿען דעם באָדען פֿאַר אַ צוגרײטענדע אַגיטאַציע), שוין דאַן איז פֿאָרגעקומען אַ גאַנצע רײַהע דעמאָנסטראַציעס, וועלכע זײַנען געווען אָרגאַניזירט פֿון אַלע דרײַ אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטײַען צוזאַמען.

אויף דעם קאָנגרעס פֿון דער בעלגישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטײַ, וועלכער האָט געעפֿענט זײַנע זיצונגען דעם 30-טען מערץ, האָט די פֿראַגע וועגען די בעדינגונגען פֿון

[1] די געמיינדע פערטרעטונג הייסט די זעלבסטפערוואלטונג פון דער אדער יענער שטאדט אדער פון דעם אדער יענעם דארף. די פראווינץ-פערטרעטונג הייסט די זעלבסטפערוואלטונג פאר א גאנצען ראיאן אדער פראווינץ.

א בונד מיט די ליבעראלען פערנומען דעם מיטעלפונקט. מען דארף דא בעמערקען, אז די שטימונג פון די ליבעראלען אין דעם מאמענט האט מען געקענט חאראקטעריזירען מיט די דריי פונקטען, וועלכע זיי האבען געהאלטען פאר דער נויטיגער בעדינגונג, אונטער וועלכער זיי קענען איינוויליגען צו פיהרען א געמיינזאמען קאמפף מיט די סאציאלדעמאקראטען. דער ערשטער פונקט איז בעשטאנען אין דעם, אז מען זאל מאכען די פראפארציאנעלע פערטרעטונג פאר א געזעץ פון דער קאנסטיטוציע [1]. דער צווייטער פונקט — אז מען זאל אויסשליסען פון די טאגעספראגען די פראגע וועגען דעם וואהלרעכט פאר פרויען. דער דריטער פונקט — אניועגדען נאר געזעצליכע מיטלען.

מיט דיעזע פאדערונגען פון די ליבעראלען האט זיך געמוזט רעכענען דער קאנגרעס פון דער פארטיי.

א גאנצע רייהע רעדנער זיינען שארף ארויסגעטראטען געגען יעדערליי אבמאך מיט דער בורזשואזער דעמאקראטיע.

„ניט די צילינדערס פון די ליבעראלען וועלען אונז ברינגען דעם וואהלרעכט, — זאגט וואלקער, — נאר די הענד פון די פראלעטאריער. אליין נאר דאס ארויסטרעטען אין די גאסען, ווען דאס וועט זיין נויטיג, וועט אונז ברייננגען מעהר נוצען, איידער אלע פערבינדונגען מיט די ליבעראלען”.

ווארנענדיג געגען די ליבעראלען און בעוואונדערענדיג פאר וואס עפעס „דארפען מיר נאכגעבען די ליבעראלען אין דריי

---

[1]) אום מען זאל קענען פערשטעהן דיזע פאדערונג, דארף מען האבען אין זינען, אז די פראפארציאנעלע פערטרעטונג איז אין בעלגיען איינגעפיהרט געווארען דורך א געוועהנליכען געזעץ, וועלכען דער פארלאמענט קען אבשאפען דורך אנ'איינפאכע מעהרהייט פון שטימען. אום אבער אבצישאפען א געזעץ, וועלכער איז ארייננגעפיהרט אין דער קאנסטיטוציע, מוז מען צוזאמענרופען א בעזונדערע קאנסטיטואירענדע פערזאמלונג, וועלכע בעשטעהט פון סענאט און פון פארלאמענט; אזא צוזאמענרופונג פאדערט אז 2/3 שטימען פון פארלאמענט זאלען איינוויליגען דערויף.

פונקטען אין דער צייט, ווען זיי גיבען אונז אנשטאט דעם גארנישט ניט", האט דעסטרעע, איינער פון די בעסטע רעדנער פון דער פארטיי, פונדעסטיועגען געמאכט זיך א הארץ, ווי מען זאגט, און געפונען פאר ציועקמעסיג נאכצוגעבען זיי אין די ערשטע צויי פונקטען. אבער אין דער פראגע וועגען דריטען פונקט, זאגט ער, מוזען מיר זיך האלטען שטארק ווי אייזען; אין דער פראגע וועגען דער רעוואלוציאנערער טאקטיק קען ניט זיין קיין אבמאך, „געוויס ווילען מיר ניט קיין רעוואלוציע — זאגט ער ווייטער — נאר מעגליך, אז מיר וועלען איהר ניט אויסמיידען. וואס וועט אונז אויסקומען צו טהאן, אויב די קלעריקאלען וועלען ניט נאכגעבען? אנווענדען א'ן אבסטרוקציע[1]), האלטען דריי טעג איין רעדע? מיר וועלען דאס טהאן, וואס וועט אבער טהאן דאס פאלק? ער וועט מוזען ווי דאס איז געוועזען אין 1893 יאהר זיך נעמען פאר א'ן אלגעמיינעם שטרייק א. ז. וו. נאך דער ארבייטערקלאס פערשטעהט צו אפפערען פאר זיינע אידעאלען, און ער וועט מוזען דאס איצט נאך א מאל בעווייזען. אין די ערשטע צויי פונקטען וועלען מיר נאכגעבען, אבער אין דריטען ניט. און אויב — ענדיגט דער רעדנער ביי דעם שטורמדיגען בייפאל פון די אלע, וואס זיינען געוועזען דערביי — אויב די ליבעראלען וועלען זיך ניט האלטען מיט אונז אין איינעם ביז'ן סוף, וועט דער ארבייטערקלאס אהן זיי אויך זיעגען!"

די רעזאלוציע, וועלכע דער צענטראלער קאמיטעט פון דער פארטיי האט פארגעשלאגען און אין וועלכער די פארטיי איז מסכים נאכצוגעבען אין די ערשטע צויי פונקטען, האט בעגרינדעט וואנדערוועלד. אין זיין רעדע איז ער מודה, אז די פערפעסטיגונג פון פראפארציאנעלער פערטרעטונג אין פארלאמענט, מיט וועלכער די סאציאלדעמאקראטיע האט זיך נאך

---

[1]) א פארלאמענטארישע אבסטרוקציע בעשטעהט אין דעם, אז די אפאזיציע אין פארלאמענט דערלאזט ניט דורכצופיהרען געזעצען, וועלכע זי האלט פאר שעדליך, מיט דעם וואס זי מאכט א ליארם, א טומעל, האלט שעה'לאנגע רעדעס און לאזט איבערהויפט ניט בעטראכטען די געזעצען.

דערווײלע בענוצט נאר איין מאל, און האט זיך נאך דעריבער ניט געקענט איבערצייגען אויף וויפיעל זי איז גוט אדער ניט גוט, אז די פערפעסטיגונג איז ניט נוצליך; אויך מיט הארצוועהטאג קומט אויס אבצולייגען דעם קאמפף פאר'ן וואהלרעכט פאר פרויען. „נאר אזוי ווי די ליבעראלען פאדערען עס דורכאוס — זאגט וואנדערוועלד — האט דער צענטראלער קאמיטעט פון דער פארטיי בעשלאסען אין דעם זיי נאכצוגעבען, אויב אהן דעם קען מען זיך ניט בעגעהען, אום אין גאנצען צו זיעגען אין דעם קאמפף פאר'ן אלגעמיינעם וואהלרעכט".

די פאלגענדע רעזאלוציע פון צענטראלען קאמיטעט ווערט אנגענומען כמעט איינשטימיג:

„אזוי ווי צוליעב דעם, אז אונזערע איצטיגע בעוועגונג פאר'ן אלגעמיינעם וואהלרעכט זאל זיך איינגעבען, איז נויטיג, אז אלע די, וואס שטעהען פאר דער רעוויזיע[1]) פון דער קאנסטיטוציע זאלען זיין איינשטימיג; אזוי ווי די ליבעראלע פארטיי און די קריסטליכע דעמאקראטען שטעלען אלס בעדינגונג פון זייער אנטיילנעהמען אין קאמפף, אז מען זאל פארלעגען אריינצופיהרען אין דער קאנסטיטוציע דעם פרינציפ פון א פראפארציאנעלער פערטרעטונג, און אז מען זאל אויסשליסען די פאדערונג פון וואהלרעכט פאר פרויען, האט דער קאנגרעס בעשלאסען: עס וועט פארגעלייגט ווערען, אז מען זאל אריינפיהרען דעם פרינציפ פון א פראפארציאנעלער פערטרעטונג אין דער קאנסטיטוציע, אויב דאס איז א נויטיגע בעדינגונג, אום צו דערשלאגען זיך דעם אלגעמיינעם וואהלרעכט.

די רעוויזיע פון דער קאנסטיטוציע פערשפרייט זיך נאר אויף'ן וואהלרעכט פון מ א נ ס ל י י ט, און אין דעם פאל, ווען די קלעריקאלע פארטיי וועט אריינטראגען אין די וויכוחים די פראגע וועגען דעם וואהלרעכט פאר פרויען, פערלאזט זיך דער

---

[1]) א רעוויזיע פון א קאנסטיטוציע הייסט איבערזעהן די קאנסטיטוציע, צו דארף מען ניט אריינפיהרען וועלכע ניט איז אומענדערונגען אין איהר.

קאָנגרעס אויף זײַנע דעפּוטאַטען װעלכע װעלען שױן פערשטעהען, װי צו צושטערען דיעזע המצאה פון די קלעריקאַלען. און װעלען זעהען צו פערזיכערען די איינינקײַט פון אַלע אָנהענגער פון דער רעװיזיע".

דער קאָנגרעס האָט זיך געענדיגט, דער בונד מיט דער ליבעראַלער אָפּאָזיציע איז געשלאָסען, נאָר איין פראַגע איז נאָך געבליבען אָפען. װעגען די צװײ פּונקטען האָט דער קאָנגרעס אַרויסגעזאָגט זײַן מײנונג אין זײַן רעזאָלוציע, ניט בעשלאָסען איז געבליבען די פראַגע װעגען דריטען פּונקט — װעגען דער רעװאָלוציאָנערער טאַקטיק. די פאָרשטעהער פון דער פּאַרטײ האָבען בעקומען פון קאָנגרעס בעשטימטע װײַזונגען װי זיך אויפצופיהרען, װאָס האָבען בערירט נאָר דעם אנהאַלט פון די פאָדערונגען, פאַר װעלכע עס איז פאָרגעשטאַנען דער קאַמפּף. אָבער װאָס פאַר אַ פאָרם פון קאַמפּף זײ האָבען געדאַרפט אויסקלײַבען, עס זאָל זיך פּאַסען צו דעם אָדער יענעם מאָמענט — דאָס האָט זיך געװענדעט אָן די הויפּט פיהרער פון דער פּאַרטײ גופא.

שטרענגע געזעצליכקײַט אָדער רעװאָלוציאָנערע מיטלען, פּאַרלאַמענטאַרישער קאַמפּף אָדער גאַסען דעמאָנסטראַציעס, איינגעהאַלטענעם מעסיגע פּאָליטיק אָדער פּאָליטיק פון אויסערסטע מיטלען — אָט דאָס זײַנען די פאָרמען פון קאַמפּף, צװישען װעלכע זײ האָבען געדאַרפט אויסקלײַבען, און דער גאַנצער רעזולטאַט פון קאַמפּף האָט זיך אפשר געװענדעט אָן דעם, צו עס װעט זיך אײַנגעבען אויסצוקלײַבען פון די אַלע מיטלען די פּאַסענדע.

אָבלעגען אויף אַ צײַט די אָדער יענע פאָדערונג מיט דעם צװעק, אַז עס זאָל זיך בעסער אײַנגעבען דער קאַמפּף פאַר אַ'ן אַנדערען, אַ נויטיגערן פּונקט פון פּראָגראַם — דאָס איז אַזאַ מיטעל, װאָס קען פּראַקטיש זײַן זעהר נוציג, און אויב מען ערפילט דערבײַ געװיסע בעדינגונגען, געהט אַזאַ מיטעל גאָר ניט געגען די פּרינציפּען פון דער רעװאָלוציאָנערער

סאציאלדעמאקראטיע; אבער נאר אין דעם פאל, אויב עס ווערען ערפילט געוויסע בעדינגונגען, און אט וועגען דיזע בעדינגונגען רעדען מיר דא איצט. די וויכטיגסטע בעדינגונג בעשטעהט אין דעם, אז שליסענדיג א בונד מיט בורזשואזער פארטיי, מוז זיך די סאציאלדעמאקראטיע שטאל און אייזען האלטען פאר איהר ריין-רעוואלוציאנערען פראלעטארישען קאמפף'ס מיטעל.

דיזע בעדינגונג האט די בעלגישע סאציאלדעמאקראטיע ניט ערפילט.

כדי אויפצובויען א ריכטיגען פלאן פון קאמפף, מוז מען פריהער פאר אלץ פינקטליך אבשאצען ווי די קרעפטען פון די געגנער אין דעם אדער יענעם מאמענט, אזוי אויך אויף וויפיעל דער געגנער איז גרייט נאכצוגעבען, וואס מען קען ארויסזעהן פון זיין שטימונג. יעדע ניט-ריכטיגע אבשאצונג פון דער ווירקליכער לאגע בריינגט נויטווענדיג צו פעהלערן ביי'ם אויסקלייבען די פאסענדע מיטלען און פארמען פון קאמפף, די טאקטיק ווערט א פאלשע און דעם גאנצען קאמפף קען מען פערשפילען. העכסט אינטערעסאנט איז פאר אונז דער כאראקטעריסטישער פאקט, אז אזעלכע פעהלערן טרעפען זיך גיכער פאר אלץ ביי די געמעסיגטע-אפאזיציאנעלע פארטייען. שרעקענדיג זיך, ווי פאר פייער, פאר יעדע סארט „אונגעזעצליכע", „אויסערסטע", „רעוואלוציאנערע" טריט, טרייסלענדיג זיך מעהר פאר אלץ איבער די אבהיטונג פון דער „געזעלשאפטליכער שטילקייט און רוהע", און שרייענדיג אין אלע עקען-קאנטען וועגען זייער כשר'קייט, זיינען דיזע פארטייען דורך און דורך דורכגעדרונגען מיט די קליין בורזשואזע בעגרענצטקייט און פארזיכטיגקייט, און צוליעב אזא שטימונג זיינען ביי זיי שטענדיג גרויס אין די אויגען פרידליכע שטרעבונגען פון זייערע געגנער. האבענדיג אליין פריעדליכע שטרעבונגען, שטעלען זיי זיך פאר, אז דער שונא איז אויך גרייט נאכצוגעבען און אז מען דארף נאר איהם דייטליך און קלאר בעווייזען, אין וואס בעשטעהט דער ווילען פון פאלק, איז שוין דאס גענוג, אז ער זאל אין אמת'ן נאכגעבען. א פריעד-

ליבע דעמאָנסטראַציע, אַלס אײנער פון אַזעלכע בעװײַזען — אַט דאָס איז דער אױסערסטער מיטעל פון די געמעסיגטע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטײען.

נאָר אַ מאָדנע זאַך, אַז מיר קוקען זיך צו נעהענטער צום גאַנג פון די לעצטע פּאַסירונגען אין בעלגיען, װי אױך צו די אײנצעלנע טריט און ערקלערונגען פון די אָנפיהרער פון דער בעלגישער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, זעהען מיר ניט װילענדיג אױף דעם סאָציאַליסטישען גרונד דאָ און דאָרט פלעקען פון דער זעלבער אײנגעהאַלטענער. געמעסיגטער טאַקטיק װעלכע מיר האָבען דאָ נאָר װאָס חאַראַקטעריזירט. אַרײַנטרעטענדיג אין אַ פערבינדונג מיט דער ליבעראַלער בורזשואזיע, האָט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע ניט װילענדיג און אינבעװאוסט איבערגענומען אײניגע עלעמענטען פון איהרע קאַמפּף-מיטלען, און דער רײנער קיאַל פון דער רעװאָלוציאָנערער טאַקטיק האָט זיך פערשמוצט דורך די קוים בעמערקליכע שטראָמען פון דער מעסיגער אָפּאָזיציע, װעלכע עס האָבען זיך אַרײַנגעגנב'עט — מען האָט גאָר ניט געזעהן װי.

לאָמיר זיך װענדען צו די פאַקטען.

דעם 8-טען אַפּריל, נאָך די פּסח'דיגע װאַקאַציעס, הױבען זיך װידער אָן די זיצונגען אין פּאַרלאַמענט; עס הױבט זיך אָן דער קאַמפּף. די שטימונג הױבט זיך אױף מיט אַ מאָל; עס צוהיצען זיך די געפיהלען, די דעמאָנסטראַציעס נעהמען אָן אַ שאַרפען חאַראַקטער, די לאַגע װערט אַ בעאונרוהיגענדע. דער קעניג לעאָפּאָלד, װעלכער איז געװען אין אױסלאַנד, אײלט זיך אומצוקעהרען אין הױפּטשטאָדט, און אַט, יועגען דעם צוריקקומען פון קעניג ערשײַנט אין דעם צענטראַל-אָרגאַן פון דער בעלגישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, אין דער צײַטונג „דאָס פאָלק“ אַ'ן אַרטיקעל, װעלכער איז אַזױ חאַראַקטעריסטיש, אַז מיר מוזען איהם דאָ ברינגען אין גאַנצען:

„לעאָפּאָלד דער II-טער קעהרט זיך אום פון ביאַריטץ צו

דער זעלבער צייט, ווען דער פארלאמענט פערזאמעלט זיך ווידער.

„מיר, וועלכע זיינען ניט קיין פריינד פון דער מאנארכיע, און אויף וועלכע עס קען ניט פאלען דער חשד, אז מיר ווילען חנפ'ענען דעם קעניג, מיר בעגריסען, ניט אבשטעלענדיג זיך אויף א מינוט, דעם אלטען קעניג דיגרפאר, וואס ער האט געהאלטען פאר זיין פפליכט צו שטעהן אויף זיין פלאטץ אין אזא צייט, ווען צוליעב דעם אונזיניגען ווידערשטאנד פון דער רעגירונג און דער וואקסענדער אויפרעגונג פון פאלק, דארף זיך אויפהויבען איין מענש, וועלכער זאל ארויסזאגען דעם ווארט פון פריעדען, חכמה און גערעכטיגקייט!

„די סאציאליסטען זיינען רעפובליקאנער; און רעפובליקאנער וועלען זיי אויך בלייבען, פונדעסטוועגען, ווען דער קלוגער און פערשטענדיגער קעניג וואלט ארויסזאגען אט דעם ווארט, וואלטען מיר אהן יעדע מיה אנערקענען, אז מיט דעם ווארט וואלט א סך מעהר אויפגעטהאן געווארען פאר די פערזיכערונג פון דער מאנארכיע, ווי מיט די אלע הויכע אויסדריקען פון כשר'קייט און מיט די פאטריאטישע פראזען, וועלכע מען האט פאר די לעצטע צייט אנגעווענדעט, אום אבצופרישען די געפיהלען פון טרייקייט צו דער קייזערליכער פאמיליע.

„מיר האבען הונדערט מאל געזאגט, אז פאר אונז האט א גרעסערע בעדייטונג, אז מען זאל דורכפיהרען רעפארמען, וועלכע בעריהרען נאהענט די אינטערעסען פון דעם א־בייטערקלאס, איידער וועלכע ניט איז אויסערע, פארמאלע פראגען, עס מעג אפילו זיין די פראגען וועגען דער אדער יענער רעגירונגספארם. מיר זיינען גלייך צו די אורחים, וועלכע שטעלען זיך אב אין א פרעמדע שטאדט און זארגען מעהר וועגען די בעקוועמליכקייט אין זייער אכסניה, איידער וועגען דעם שילד, וואס איז פארענט אויף איהר ארויסגעשטעלט,

„עס עקזיסטירען רעפובליקען קאנסערוואטיווע, רעאקציאנערע און אימפעריאליסטישע — רעפובליקען וועלכע זיינען קיין

מאָל ניט געווען און זיינען אפשר איצטער אויך ניט קיין אנדער זאך, ווי די פערזאנליכע הערשאפט פון די געלדזעק און גייסט-ליכע; פאר וואס-זשע זאל מען אויך איצט, אין דער צייט פון פערענדערונגען און אבמאכונגען, ניט האלטען פאר מעגליך א קאנסטיטוציאנעלע מאנארכיע, וועלכע קליינבט אויס באמת דעם וועג פון א ברייטהערציגער און פרוכטבארער דעמאקראטישער פא-ליטיק און וועלכע האלט זיך ווייט פון יעדער פראבע צו פער-האלטען דעם פראגרעס?

„דיזע פראבע איז נאך דערפאר לייכטער צו מאכען אין בעלגיען, ווייל ביי דעם אלגעמיינעם וואהלרעכט, אין פערבינ-דונג מיט דער פראפארציאנעלער פערטרעטונג, וועלען די סא-ציאליסטען סיי אין פארלאמענט, סיי אין לאנד אויף א געוויסע צייט אהן א ספק בלייבען די קלענערע פארטיי, און דאן וועלען זיי אונטער'ן שוץ פון בעסערע געזעצען מיט מעהר חשק און מיט מעהר נוצען, ווי ווען עס איז פריהער, קענען אניוועגדען אט די צייט אויף א'ן ארבייט, וועלכע זיי האבען נאך ביז איצט ניט געענדיגט—די ארגאניזאציע און ערציהונג פון פראלעטאריאט. די פיהרונג פון לאנד וועט דערווייליע נעהמען אין איהרע הענד די ליבעראלע פארטיי, וועגען וועלכער מען האט גערעכענט אז עס איז שוין לאנג אריבער די צייט פון איהר הערשאפט, בעת איהר געזעלשאפטליכע אויפגאבע הייבט זיך אפשר נאר איצטער אן. די לאנד וואלט אויף אזא אופן זיך דערשלאגען צו א ליבעראל פראגרעסיסטישען מיניסטעריום, וועלכע וואלט זיך שטיצען אויף אלע ראדיקאלע גרופען, אין דעם צאהל אויך אויף די סאציאליסטען, טא ווי וואלט דאן קענען ארויסקומען וועלכע עס איז פיינדליכע סכסוכים צווישען אזא מיניסטעריום און דער קאנסטיטוציאנעלער מאנארכיע?

„געוויס, דאס זיינען אלץ נאר סברות, אבער זיי זיינען פונדעסטוועגען ווערטה, אז די. וואס שטעהען ביים רודער, זא-לען זיך מיט זיי רעכענען. פריהער פאר אלץ דארף מען רא-

טעווען דעם פרידען, און שוין אַ מאָל פערוויִרקליכען די נײַ-רעכטיגקײַט.

„איינס פון די בײדע: אָדער פאַר דער קלעריקאַליזם שטעהט טאַקי דער מעהרטהייל פון לאַנד—דאַן האָט ער ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר דער רעוויזיע פון דער קאָנסטיטוציע; אָדער אויף זײַן זײַט איז ניט דער גרעסטער טהייל פון לאַנד, דאַן האָט ער דאָך קײַן רעכט ניט אַרײַנצוחאַפּען די הערשאַפט, וועלכע געהערט ניט צו איהם.

„דער קעניג קעהרט זיך אום צו דער זעלבער צײַט, ווען דער פּאַרלאַמענט קעהרט זיך אום צו זײַן טהעטיגקײַט; דאַרפען מיר דען ניט ערוואַרטען, אַז אין דעם וויכטיגסטען מאָמענט וועט לעאָפּאָלד דער II מאַכען זײַן אמת קייזערליכען, אמת פּאָליטישען ערשטען שריט, וועלכער—עס וואָלט געווען צו קינדיש דאָס אָבצולייקענען—וואָלט איהם גיך צוריקגעבראַכט די ליעבע און אַכטונג צו זײַן פאָלק?

„מיר האָבען געהאַלטען פאַר אונזער פּפליכט אַיועקצושטעלען די פראַגע מיט דעם גאַנץ ערסטערן כונה, דײַטליך צו ערקלערען די גאַנצע פּעראַנטוואָרטליכקײַט".

דער געפיהל פון אַכטונג צו די געגנאָסען, וועלכע האָבען נאָר וואָס געענדיגט דעם פּערצווייפעלטען קאַמפּף, וועלכען זיי האָבען בײַ אַלע זייערע פעהלערען דאָך געפיהרט מיט אַ וואונדערבאַרער ענערגיע און איבערגעבענהײַט, ערוואַלבט אונז ניט צו געבען וועגען דעם אַרטיקעל די שאַרפע מיינונג, וועלכע בעט זיך פון זיך אַליין און וועלכע ער פערדיענט דורכאויס. איינס אָבער מוזען מיר דאָ פאָרט בעמערקען.

ניט אַרײַנגעהענדיג אין וכּוחים איבער איינציגע געדאַנקען, וועלכע זײַנען אויסגעדריקט אין דעם אַרטיקעל און וועלכע מען קען זעהער און זעהר בעשטרײַטען (ווי צ. ב. די טעאָריע, לויט וועלכער די „פאָרם" פון דער רעגירונג איז ניט אַזוי וויכטיג), וואָלטען מיר איהם געקענט קורץ כאַראַקטעריזירען מיט די ווערטער: „שרעקט ניט איבער חלילה די רעגירונג!" אָט דאָס

איז די אויפשריפט, וואָס וואָלט דורכאויס געפּאַסט פאַר דיזען אַרטיקעל.

דער גאַנצער גאַנג פון די בעוייזען, פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער, פיהרט נאָר דערצו, וואָס מעהר צו בערוהיגען דעם „אַלטען קעניג": איהם שטעהט ניט פאַר קיין שום געפאַהר; קיינער וויל ניט אָנריהרען זיינע קעניגליכע רעכ־טען. די היינטיגע רעגירונגס אָרדנונג וועט אויך אויף ווייטער עקסיסטירען אין איהר גאַנצער ריינקייט און הייליגקייט; די גאַנ-צע דאגה פון דער אָפּאָזיציע בעשטעהט נאָר אין דעם, ווי צו פערזיכערען דעם פריעדען, צו וועלכען זי, די אָפּאָזיציע, שטרעבט מיט'ן גאַנצען האַרצען. אין דער כשר'קייט און אין דער אַכטונג צו דער פּערזאָן פון קעניג איז ניטאָ וואָס צו צווייפ-לען; פון דער אַנדער זייט עפּענט זיך אויך פאַר'ן קעניג אַ'ן אַנגענעהמע אויסזיכט — ער וועט גלייך בעקומען צוריק די ליעבע פון זיין פאָלק, ער וועט אַרויסטרעטען אין די ראָלע פון אַ קע-ניג אַ חכם, וועלכער בערוהיגט מיט זיין אַריינמישען זיך די צו-היצטע געפיהלען, וועלכער גיט פריעדען זיין לאַנד און וועלכער זאָגט אַרויס דעם „וואָרט פון פריעדען, חכמה און גערעכטיגקייט". ענדליך, פערבייגעהענדיג, גיט מען אָנצוהערענעס וועגען דעם, אַז אויב אפילו די רעפאָרמע, וועלכע מען פאָדערט, וועט יע אַריינגעפיהרט ווערען, וועט דאָך די מאַכט זיין ניט ביי די סאָ-ציאַליסטען אין די הענד — דערוויילע, איידער וואָס, וועלען זיי דאָך סיי אין לאַנד גופא, סיי אין פאַרלאַמענט זיין די קלענערע פאַרטיי — נאָר ביי די ליבעראַלען, ביי די פרידליכע, געמעסיגטע, כשרע ליבעראַלען, מיט וועלכע די קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע וועט גאָר ניט האָבען פאַר וואָס זיך צו קריגען, און דעריבער אַז מען זאָל האָבען אין זינען די אַלע אומשטענדען, איז פאַר דעם קעניג אַליין די בעקוועמסטע און נוציגסטע זאַך צו געבען זיין הסכמה אויף די רעפאָרמע".

אָט דאָס איז דער עקר פון דעם אַרטיקעל און אַז מען לייענט איהם, קומט ניט ווילענדיג אַרויף אויף'ן זינען די פראַ-

גע: האָט עס דען דעם אַרטיקעל אין אמת'ן געשריבען אַ סאָ-
ציאַלדעמאָקראַט, אָדער אפשר איז ער על פי סבה ווי עס איז
אַריינגעפּאַלען אויף די זייטען פון דער ציַיטונג „דאָס פאָלק"
(Le Peuple)? קען דאָס זיין, אַז דער אַרטיקעל זאָל אַרויסגע-
העָן פון די רייהען פון דער זעלבער פּאַרטיי, וועלכע האַלט פאַר
דעם עיקר פּרינציפּ פון איהר טאַקטיק — דעם קאַמפּף, און ניט
דעם פריעדען, וועלכע טרעט אַלע מאָל אַרויס געגען יעדע
האָפנונג אויף דעם גוטען ווילען און די גוטע מחשבות פון די
געגנער און בויט אַלע איהרע פּלענער ניט אויף דעם חסד פון
איהרע שונאים, נאָר אויף איהר אייגענער קראַפט? קען דאָס
זיין, אַז דער פּערפאַסער האָט ניט פערשטאַנען, אַז עס פּאַסט
ניט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי צו רעדען מיט איהר שונא
מיט אַ רחמנות-פּנים?

און ניט ווילענדיג קומט אַרויף אויף'ן זינען דער פער-
גלייך פון דעם אַרטיקעל מיט דער פאָלגענדער, זעהר קורצער.
נאָר זעהר פיעל בעדייטענדער נאַכריכט פון דעם 18-טען מערץ
אין דער ציַיט פון דער זיצונג אין פּאַרלאַמענט געהט צו דער
מיניסטער-פּרעזידענט, דעסמעדע נעיע צו דעם סאָציאַלדע-
מאָקראַטישען דעפּוטאַט סמיטס און ערקלערט איהם אין אַ פּרי-
וואַטען שמועס, אַז אויב די סאָציאַליסטען וואָלטען די לעצטע
צוויי יאָהר ניט געפיהרט קיין אָבסטרוקציע, וואָלט די רעגירונג
גאָר ניט געהאַט געגען די רעוויזיע פון דער קאָנסטיטוציע, „און
אויב — האָט נאָך צוגעלעגט דער מיניסטער — איך וואָלט איצט
געווען זיכער, אַז די פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונגספאָרם וועט
זיין פערזיכערט, וואָלט איך אויך איצט איינגעווילינגט אויף די
רעוויזיע".

אָט דיזע ערקלערונג איז פאַר זיך זעלבסט אונז ניט אינ-
טערעסאַנט, ווי איינע פון די פיעלע ליעדעלעך, וועלכע אַלע
רעגירונגען זינגען שטענדיג, ווען זיי ווילען זיך אַרויסטעלען פאַר
רעפאָרמאַטאָרען, וואָס שטרעבען כלומר'שט מיט לייב און לע-
בען דורכצופיהרען רעפאָרמען, נאָר די אונרוהיגע אויפפיהרונג

פון דער אָפּאָזיציע שטערט זיי אין זייער גוטען ווילען. אזעלכע ליעדערליכע נארען געוועהנליך ארײַן אין זאק די ליבעראלע אָפּאָזיציע, וועלכע גלויבט ערנסט אין די גוטע שטרעבונגען פון די, וואס שטעהען ביים רודער וואס אונז אינטערע־סירט דא, איז נאר די מאָדנע איינשטימונג צווישען די ווערטער פון דעם מיניסטער מיט דעם אויבענדערמאָהנטען אר־טיקעל פון דער סאָציאלדעמאָקראטישער צייטונג. דער מיניסטער שטעלט געוויסע בעדינגונגען, ביי וועלכע ער וועט שטעהן פאר די רעפאָרמע. „אויב איך וואלט זיין זיכער" און ז. וו.... די ציי־טונג ווענדט אן איהר גאנצע איבערצייגונגס קראפט אום צו בע־ווייזען דעם מיניסטער, אז ער „קען פאלקאָם זיין זיכער" אין דער כשר׳קייט פון די סאָציאלדעמאָקראטען, אז די „פארלאמענ־טארישע" רעגירונגספאָרם וועט זיין פערזיכערט און אז, הייסט דאָס, קיין שום שעדליכע קרעפטען וועלען זיך ניט שטעלען דער רעגירונג אין וועג ביי דער פערווירקליכונג פון איהרע מענ־שענפריינדליכע פלענער.

דער מיניסטער פרובט זיך מיט א געוועהנליכער אויבער־המצאה; דער פיהרענדער אָרגאן נעהמט אן אין ערנסט די אלע בבא־מעשות וועגען די גוטהערציגע כונות פון די העכערע קריי־זען און האלט אפילו פאר זיין חוב מקבל פנים צו זיין דיזע גוטע כונות, מיט וועלכע, ווי עס איז בעקאנט, איז אויסגעברוקירט דער גיהנום.

אונז דוכט זיך, אז ניט אָט אזא וואָרט האָבען ערווארט די בעלגישע ארבייטער פון זייערע פיהרער, און אָנשטאָט די אלע רעדעס וועגען שלום, רעדעס, אין וועלכע עס האָט זיך געהערט כמעט א געבעט, האָט געדארפט א הילך טהאָן א רע־דע, אין וועלכער עס זאָל קלינגען דער בטחון אין די אייגענע קרעפטען, און וועלכע זאָל שמאָלץ און אָפען ערקלערען מלחמה.

דיזע רעדעס אָבער, אין וועלכע מען קען קלאָר ארויס־זעהן, וואָס פאר א פאלשע פאָרשטעלונג עס האָט זיך אויסגע־

בילדעט ביי דער בעלגישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע וועגען דער גריוִסקייט פון שונא נאָכצוגעבען, דיזע רעדעס האָבען געמוזט פיהרען צו דער פערקלענערונג פון דער קאַמפּף־ענערגיע, צו דער אָבשוואַכונג פון רעוואָלוציאָנערען עלעמענט אין דער טאַק־טיק, צו דער בערוהיגונג פון די געפיהלען און צו פריעדליכע שטרעבונגען.

גאַנץ איינשטימיג מיט דעם, וואָס מיר האָבען דאָ אויבען פאָרגעבראַכט, זיינען די ווערטער פון וואַנדערוועלד, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט אין פּאַרלאַמענט אין צוויי טעג אַרום נאָכדעם, ווי עס האָט ערשיינט דער בערימטער אַרטיקעל. אַניוואַיזענדיג איבערהויפּט אויף די פריעדליכע שטרעבונגען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, ערקלערט ער זיין גרייטקייט צוזאַמען מיט זיינע חברים צו געהן צום קעניג, אום ביי איהם אויסצובעטען, אַז ער זאָל זיך אַריינמישען און ניט דערלאָזען צו אַ בירגער־מלחמה.

און ווי מאָדנע קלינגען אַזעלכע ווערטער, ווען שוין דעם 22-טען מערץ לייענען מיר אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון בריוסעל (אין „פאָרווערטס' № 72): „אויב די אָפּטימיסטען (מענשען, וואָס זעהען אין אַלץ נאָר די גוטע זייט) האָבען נאָך ניט פער־לאָרען זייער שטאַרקען גלויבען אין די מעגליכקייט פון אַ פריעד־ליך פּאַרלאַמענטאַרישער פערענטפערונג פון דער פראַגע, מו־זען זיי דאָך פערליערען אָט דעם גלויבען איצט, ווען זיי זעהען, וואָס פאַר אַ שטעלונג עס האָבען אָנגענומען די רעגירונג און די פּאַרלאַמענטאַרישע מעהרהייט ביי די לעצטע אָבשטימונגען איבער די פראַגע וועגען דעם וואַהלרעכט פאַר די פראָווינצען און די געמיינדען, ווער עס האָט נאָר געזעהן דערביי, אין וואָס פאַר אַ קדחת עס האָט געוואָרפען דעם מיניסטער־פרעזידענט און די קלעריקאַלען אין פּאַרלאַמענט, ווי זיי האָבען ניט דורכגע־לאָזען, אפילו ניט זוכענדיג קיין בעווייזען, אויף וועלכען גרונד זיי טהוען דאָס, קיין פאָרשלאַג, אפילו דעם נאַטירליכסטען, וועלכער האָט נאָר געשטרעבט צו דער אָבשאַפונג פון דער סי־

סטעמע פון פיער שטימען, דער קען שוין מעהר ניט צווייפעלען אין דעם, אז די פערענטפערונג פון דער פראגע קען קומען נאר פון אויסענוועניג",

און דעם 11-טען אפריל. דערצעהלט די טעלעגראפישע אגענטסטווא „האוואס" פאלגענדעס: „די רעגירונג האט פעסט בעשלאסען ניט נאכצוגעבען דעם דרוק פון די רעוואלוציאנערען".

עס איז אהן א ספק, אז ביי אזא שטימונג פון דער רעגי־רונג האט די פריעדליכע טאקטיק פון דער סאציאלדעמאקראטיע ניט געקענט מאכען אויף דער רעגירונג קיין גרויסען איינדרוק. פערקעהרט, זי האט נאר געקענט ארויסרופען ביי דער רעגירונג די איבערצייגונג און די שוואכקייט פון די נעגנער, און דערמיט האט זיך די רעאקציע געזעהען גלייך צו בענוצען, כדי מיט איין פלינקען קלאפ ארויסצושטופען דעם געגנער פון איינע פון זיינע שטארקסטע פעסטונגען. אט ווי די זאך איז פארגעקומען.

דעם 8-טען אפריל שלאגט פאר אין פארלאמענט דער מיניסטער-פרעזידענט, אז די פראגען וואס שטעהען פאר, זאל מען בעטראכטען אין פאלגענדע ארדנונג: די ערשטע זאך דארף מען אננעהמען דעם בודזשעט, דערנאך אויף דער קומענדיגער וואך ווערט אוועקגעשטעלט ווערען אויף דער טאגעס־ארדנונג די פראגען וועגען דער רעוויזיע פון דער קאנסטיטוציע.

יעדערער האט געקענט פערשטעהען, וואס דער שפיציגער פאליטיקער האט דערמיט געמיינט. די רעגירונג האט זיך גע-וואלט אין אזא ערנסטען מאמענט פערזיכערען די נויטהווענדיגע פרייהייט צו טאהן, וואס זי וועט דארפען, צו זיין, אויף וויפיעל נאר מעגליך, ניט אבהענגיג פון פארלאמענט, צו קענען דורכ־פיהרען אלץ נאך איהרע אייגענע פלענער, ניט זייענדיג בע-גרענעצט אין קיין פאל דורך די דעה פון דער אפאזיציע. זי האט געמוזט זעהען צו פערזיכערען זיך די מעגליכקייט איינצו-האלטען זיך אויף איהר פלאטץ, ניט נאכגעבענדיג אין קיין זאך ביי יעדען פאל, וואס דאס האט זיך נאר געקענט טרעפען און

וועלכען זי האָט נאָר געקענט פּאָראויסזעהען. האָט אָבער אַ מאָל די רעגירונג אין איהרע הענד די געלד-מיטלען, וועלכע זי דאַרף האָבען, כּדי די רעגירונגס-מאַשין זאָל געהען גלאַט, דאַן לאַכט זי זיך אויס פון יעדער געפאהר, וועלכע עס קען איהר ברייגען דער קאַמפּף צווישען די פּאַרטייען אין פּאַרלאַמענט. זי קען דאַן אויסהאַלטען יעדע אָבסטרוקציע, זי קען, יועז דאָס זאָל זיין פאַר איהר נויטיג, גאָר פאַנאַנדער-לאָזען דעם פּאַרלאַמענט, איהר לאַגע איז דאַן אַ פעסטע, די אָפּאָזיציע אָבער ווערט אין דעם ריין-פּאַרלאַמענטאַרישען קאַמפּף גאָר שוואַך.

עס איז גאָר אָהן אַ ספק, אַז אָן דער פראַגע וועגען דעם אָננעהמען פון בּיודזשעט האָט זיך געוויענדט, זעהר זעהר פיעל אין דעם איצטיגען קאַמפּף. עס איז אָהן אַ ספק, אַז אין דעם מאָמענט האָבען אַלע אָנהענגער פון דער רעפאָרמע געדאַרפט אָנווענדען אַלע זייערע קרעפטען, כּדי אין קיין פאַל ניט צו דער-לאָזען, אַז מען זאָל אָננעהמען דעם בּיודזשעט, און ניט געבען דער רעגירונג די מעגליכקייט צו בּעשיטצען איהר שוואַכסטע זייט מיט אַן אייזערנעם פּאַנצער.

דאָס אָבער האָט מען ניט געטהאָן.

דער פאָרשלאָג פון מיניסטער-פּרעזידענט ווערט געשטעלט צו דער אָבּשטימונג, די ליבעראַלען שטיצען איהם אונטער, די סאָציאַליסטען הויבען ניט אויף דעם קלענסטען פּראָטעסט, דער פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען איינשטימיג, די אָפּאָזיציע בּע-שליסט צו „וואַרטען".

אין דריי טעג אַרום, דעם 11-טען אַפּריל, ווערט דער בּיודזשעט אָנגענומען.

עס וואָלט געווען אַ גרויסע העזה צו טראַכטען, אַז די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען האָבען ניט קלאָר פערשטאַנען די בּעדייטונג פון דיזער פראַגע. עס איז אָהן אַ ספק, אַז זיי האָבען גאַנץ בּעשטימט געוואוסט, אַז די אויפפיהרונג פון דער רעגירונג גרייט צו אַ פּאַסטקע, אין וועלכע זיי, די סאָציאַלדע-

מאָקראַטען, מוזען אַרײַנפאַלען. נאָך מיט אַ טאָג פריִהער, איי-דער מען האָט אָנגענומען דעם ביודזשעט, האָט מען גאַנץ אָפען גערעדט וועגען אַ'ן אָבסטרוקציע און מען האָט איהר געוועסט אויך אָנגעהויבען, נאָר די אָבסטרוקציע האָט מען פאָרט ניט דורכגעפיהרט. די פּאַסטקע האָט זיך פערמאַכט.

ווידער טרעפען מיר זיך דאָ מיט דער זעלבער מאָדנער ערשײַנונג וועלכע מיר האָבען שוין געזעהען אין דעם אויבענ-דערמאָהנטען אַרטיקעל. ווידער הערען מיר דאָ די שטימע, וואָס רופט אויף אַ שלום און וואָרענט געגען יעדע שאַרפע מיט-לען; ווידער זעהען מיר דאָ, ווי מ'זוכט נאָר אויסצומײַדען יעדע בּעאונרוהיגונג פון די בונדען-חברים און יעדע פאַנאַנדער-רײַצונג פון די שונאים, און אפשר יועלען מיר ניט ווײַט זײַן פון אמת, ווען מיר וועלען זוכען די ערקלערונג פון דעם פאַקט און דעם קלאַנג, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגען צו דער צײַט אין דער געזעלשאַפט און אין דער פּרעסע, אַז דער מיניסטער-פּרע-זידענט האָט אַליין אױעקגעשטעלט די פראַגע וועגען דער רע-וויזיע פון דער קאָנסטיטוציע אויף דער טאַגעסאָרדנונג. „עס איז אַ סברה, לייענען מיר אין אַ צײַטונג, אַז די רעגירונג האָט זיך געהאַלטען אַזוי נאָר צוליעב דעם, ווײַל דער קעניג אַליין וויל קומען צו אַ שלום אין דער פראַגע וועגען וואַהלרעכט".

צו דאַרף מען ניט אָט אין דעם פּערלאַנג אויסצושטרעקען די האַנד דעם קעניג אין זײַנע פריוידליכע שטרעבונגען, זוכען די אורזאַכע פון דער נײַגונג „צו וואַרטען" אין אַזאַ מאָמענט, ווען מען האָט ניט געטאָרט וואַרטען, און פון ווען דער אַרבײַטערמאַסע האָבען זיך שוין געהערט צאָרניגע קולות — און מיט רעכט צאָר-ניגע קולות — „מיר האָבען זיך ווידער געלאָזען מאַכען צום נאַ-רען! ... האַלט אָב מיט אײַער אויפוואַרטען. איצט דאַרף מען טהאָן!"

אַזוי צו אַזוי, נאָך דעם 11-טען אַפּריל, דעם טאָג, ווען מען האָט אָנגענומען דעם ביודזשעט, האָט זיך אָנגעהויבען אַ נײַער פּעריאָד אין קאַמפּף פון די לעצטע הדשים, אויב ביז

דעם טאָג האָט מען נאָך געקענט וויפיעל ניט איז האָפען . אַז דער פאַרלאַמענטאַרישער קאַמפף , וועלכער פיהרט זיך אויף דעם ערנסטען גרונד פון פרידליכע מאַסען-דעמאָנסטראַציעס, וועט יע ברייננגען צו יואָסערע ניט איז רעזולטאַטען , וואָלט אָבער איצט , נאָך דעם טאָג , געוועזען די גרעסטע נאַרעשקייט צו האָפען אויף דעם . פאַר אַלעמען איז געוואָרען קלאָר ווי טאָג , אַז דער שווערפונקט פון קאַמפף טראָגט זיך אַריבער פון פאַרלאַמענט אין די גאַסען , אַז ניט פון די רעדעס פון די דעפּוטאַטען הענגט אָב דער רעזולטאַט פון קאַמפף , נאָר פון דער טהעטיגקייט פון הונדערט-טויזענדיגע מאַסען . די פראַגע יועגען דעם פערהעלט-ניס צווישען דעם קאַמפף אין פאַרלאַמענט און דעם קאַמפף פון אויסען האָט שוין איצט בעקומען אַ נייע בעלייכטונג און אָנגענומען גאָר אַ נייע ריכטונג .

נאָר מאָדנע איז דאָס , אַז אין דיזער פראַגע האָט אין דער מיינונג פון די בעלגישע סאָציאַלדעמאָקראַטען זיך אָנגעהויבען אַ קריזיס נאָך פאַר דעם 11-טען אַפּריל , בעת די פּאָליטישע לאַגע איז אַ האָר ניט געוועזען אַנדערס ווי די , מיט וועלכער עס איז אויסגעקומען זיך צו רעכענען מיט אַ וואָך און מיט צוויי , דריי פריהער . אין די ערסטע וואָכען פון קאַמפף הערשט די האָפנונג , אַז עס וועט זיך איינגעבען דער פאַרלאַמענטאַרישער קאַמפף . אמת , שוין אויף דעם קאָנגרעס פון פסח-צייט האָט זיך געהערט דער קול פון דער ד ע ס ט ר ע ע , וועלכע האָט געוואָרענט , אַז מען זאָל ניט האָפען צו פיעל אויף דעם פאַרלאַמענ-טאַריזם , „מיר וועלען זיך אָבגעבען מיט דעם — האָט ער געזאָגט — אָבער וואָס וועט טהאָן דאָס פאָלק ?” פונדעסטוועגען האָט זיך די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געדרעהט אַרום אָט די „מיר” . דאָס פאָלק אָבער האָט געדאַרפט מאַכען פרידליכע דעמאָנסטראַציעס , אַרויסווייזען זיין פראָטעסט , אויסדריקען זיין ווילען . דעם קאַמפף האָבען געדאַרפט פיהרען די דעפּוטאַטען .

מיט אַלע כוחות האָט מען אָבגעהאַלטען די אַרבייטער פון אַ'ן אַלגעמיינעם שטרייק ; און דאָס איז ניט גרינג אָנגעקומען ,

ווײַל די מאַסע האָט זיך געריסען צום קאַמפּף. דער געדאַנק וועגען אַ'ן אַלגעמײַנעם שטרײַק האָט בּיסלעכווײַז אַלעמען בּעהערשט. אָנהויבּענדיג זיך פון אונטען צווישען די אַרבּײַטערמאַסען, האָט ער זיך פערשפרייט אַלץ ווײַטער און ווײַטער אַרײַנצייהענדיג אײַין ראַיאָן נאָך דעם צווייטען, און מיר זעהען, ווי אין פערשיעדענע קרײַזען הויבּען אָן אַ שטרײַק צעהנדליגע טויזענד אַרבּײַטער פון זיך אַלײַן, אָהן אַ שום ווײַזונג פון די פיהרער פון אויבּען. דער שטרײַק פערבּרייטערט זיך אַלץ מעהר און מעהר, און אָט דאַן, דעם 10-טען אַפּריל, זעהענדיג אַז ער איז ניט אים שטאַנד צו קעמפּפען געגען די שטימונג פון פאָלק, געפינט פאַר נויטיג דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי צו געבּען זײַן הסכּמה אויף דעם אַלגעמײַנעם שטרײַק. מיט דעם בּעשלוס, וועלכער איז אַרויסגערופען געוואָרען ניט צוליעבּ וועלכע עס איז אומענדערונגען אין דער פּאָליטישער לאַגע, האָט די פּאַרטיי גאָר אײַנפאַך איצט אונטערגע'חתמ'עט די מיטלען, וועלכע זי האָט געדאַרפט נאָך פריהער צוגרייטען און אָרגאַניזירען. דערווײַלע אָבּער האָט זי גאָרנישט אויפגעטהאָן אום צו פערזיכערען פאַר די שטרײַקער די מעגליכקײַט זיך צו האַלטען פעסט אַ לאַנגע צײַט, זי האָט ניט געמאַכט קײַן צוגרייטונגען. דער שטרײַק איז אַראָבּגעפאַלען, ווי פון הימעל, אַזוי ווי קיינעם האָט גאָר פריהער ניט געקענט אײַנפאַלען. אַז מען וועט פאָרט זיך נעהמען פאַר דעם שטרײַק, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען פריהער בּעוואוסט. אַז אָהן דיזען געוועהר וועט מען ניט קענען אויסקומען, ענדליך, אַזוי ווי עס וואָלטען זיך איצט מיט אַ מאָל בּעוויזען אַזעלכע נײַע ערנסטע אורזאַכען, וועלכע עס וואָלטען געצוואונגען דעם צענטראַלען קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי מיט אַ מאָל אומצובּײַטען זײַן מײַנונג וועגען דיזען קאַמפּף-מיטעל.

דער שטרײַק האָט זיך אָנגעהויבּען און איז גלײַך געוואָרען ריעזיג גרויס. אין פערלויף פון עטליכע טעג האָבּען געוואָרפען די אַרבּײַט בּיז 350,000 מאַן, כּמעט אַ העלפט פון אַלע אינדוסטריעלע אַרבּײַטער פון בּעלגיען.

וואָס פאַר אַ כאַראַקטער האָט געטראָגען דער שטרײַק און אין וואָס האָט געדאַרפט באַשטעהן זײַן ווירקונג אויף דעם גאַנג פון די פּאַסירונגען?

רעדענדיג װעגען אַ'ן אַלגעמײַנעם שטרײַק איבערהױפּט, װאָלטען מיר געפינען פאַר מעגליך אַרויסצושטעלען דרײַערלײ ווירקונגען פון דיזען קאַמפּף-מיטעל אויף די הערשענדע קלאַסען.

צום ערשטען אָרט ווירקונגען געהערט דער שטרײַק, אַלס אײנער פון די מיטלען, וועלכע דריקען אויס דײַטליך און פּעסט דעם ווילען פון פאָלק — דער שטרײַק אַלס אַ דעמאָנסטראַציע מיט דעם צוועק צו ווירקען אויף די געזעלשאַפטליכע מײנונג און צו באַװײַזען די קראַפט פון די אָפּאָזיציאָנעלע קרײַזען.

דער צווײטער אָרט ווירקונגען—דער שטרײַק, אַלס אַ הילפס מיטעל דורך די אָבשטעלונג פון דער אַרבײַט אויף אַ קירצערע אָדער אויף אַ לענגערע צײַט, צו שלאָגען איבער'ן בײַטעל פון די געלדזעק און מיט דער הילף פון אַזאַ געלד-נויט זיי צווינגען נאָכצוגעבען.

דער דריטער אָרט ווירקונגען—דער שטרײַק, אַלס אַ הילפס-מיטעל צו צוגרײַטען צו מלחמה די אַרבײַטער-אַרמעע, אַרויס-פיהרען איהר אויף'ן גאַס און אַרויסרופען אַ רעוואָלוציע מיט באַריקאַדען.

אַז מיר וועגדען זיך צו דעם אַפּרילער שטרײַק אין בעל-גיען מוזען מיר קודם כל אויסשליסען אָט די דריטע מעג-ליכקײַט.

אויב צווישען די מיטלען, וועלכע מען האָט דאָ אָנגענו-מען, דאָ אַיועקגעװאָרפען בײַ דעם לעצטען קאַמפּף, געפינען מיר יע פעסטע און שטאַרקע שטעלונגען, זעהען מיר פריהער פאַר אַלץ אַזאַ פעסטע שטעלונג אין דער פראַגע וועגען אַ גאַ-סען-רעוואָלוציע. נאָכדעם ווי די פיהרער פון דער בעוועגונג האָבען אָנגענומען אײן מאָל פאַר אַלע מאָל אַ פײַנדליכע שטע-לונג צו דיזען קאַמפּף-מיטעל, האָבען זיי שוין די גאַנצע צײַט

פון קאַמפּף ניט אָבגעטראָטען ניט אויף אַ טראָט פון דיזען שטאַנדפּונקט און געזעהן איהם דורכצופיהרען אין לעבען. דאָס האָט זיך אָנגעהויבען נאָך מיט אַ צייט פריהער פאַר דעם אַלגעמיינעם שטרייק. בעת עס זיינען פאָרגעקומען די ערשטע פריעדליכע" דעמאָנסטראַציעס, וועלכע מען האָט אָנגעהויבען נאָך אין מערץ מאָנאַט. אורזאַכען זיך אָבצוזאָגען פון קאַמפּף אויף אַ „געזעצליכען" וועג און איבערצוגעהן צו אַ קאַמפּף אויף באַריקאַדען, זיינען געווען אַ סך. פון איין זייט האָט צוגעגעבען מוטה אַ גאַנצע רייהע דעמאָנסטראַציעס פון חיל, אין וועלכע ער האָט אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע צו די אַרבייטער, און וועלכע האָבען נעלאָזט האָבען, אַז די אַרבייטער וועלען אָנהויבען אַ'ן אויפשטאַנד, וועט די רעגירונג מורא האָבען אַרויסצושיקען אַזאַ חיל, וואָס האָט זיך שוין אָנגעשמעקט מיט דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע; בשעת מען האָט אַרויסגערופען די מיליץ צו געוועהר, איז אומגעגאַנגען איבערן שטאָדט זינגענדיג רעוואָלוציאָנערע ליעדער, האָט געמאַכט ברידערשאַפט מיט די דעמאָנסטרירענדע אַרבייטער און האָט אויף אַלערליי אופנים אַרויסגעוויזען זיי איהר סימפּאַטיע. פון דער אַנדער זייט האָט די פּאָליציי ניט אויפגעהערט פאַנאַנדערצוהיצען דעם פאָלק. „עס איז די געוועהנליכע טאַקטיק, זאָגט דער בעלגישער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרוועָרטס": זיי פערצאַמען די גאַסען פון ביידע זייטען, רייצען פאַנאַנדער מיט אַלערליי מיטלען די מאַסע, וואָס געהט אַרום אָהן אַ בעשטימטען צוועק, און דערנאָך פאַלען זיי אַרויף אויף איהר מיט בלויזע שווערדען. בשעת די אויפרעגונג דערגרייכט ביז צום העכסטען מאָס, בעוויזען זיך אויף'ן סצענע פּראָוואָקאַטאָרען, עס לאָזט זיך הערען אַ שיסעריי פון רעוואָלווערען, די פּאָליציי ענטפערט פון איהר זייט מיט אַ שיסעריי".

די גאַסען-געשלעגען האָבען אָנגענומען זעהר אַ שאַרפען האַראַקטער, עס איז דערגאַנגען ביז באַריקאַדען, עס איז געווען פילע צוהנדליגע פערוואונדעטע, יעדע שטורמדיגע נאַכט האָט

געבראַכט מיט זיך עטליכע צוהרג'עטע: אַזוי איז געווען אין בריוסעל, אַזוי אויך אין אַנדערע שטעדט.

ביי אַזאַ אויפפיהרונג פון דער פּאָליציי און ביי דער העכסט אויפגעבראַכטער שטימונג פון די אַרבייטער האָט די פּאַרטיי אָנגעווענדעט אַלע מיהע נאָר אום צו פערהיטען פון בלוטפערגיסען. יעדען אָוענד האָבען אויף די גרויסע פערזאַמלונגען אין פאָלקסהויז די בעסטע רעדנער פון דער פּאַרטיי אָנגעווענדעט זייער גאַנצען כח-הדיבור איינצורעדען די אַרבייטער, אַז זיי זאָלען זיך האַלטען רוהיג און זעהען אויסצומיידען יעדען צוזאַמענשטוים מיט דער פּאָליציי און מיט דעם חיל. די זעלבע אַגיטאַציע האָט זיך ניט אויפהערענדיג געפיהרט אין דער פּרעסע. אין דער צייטונג „דאָס פאָלק“ פון 13-טען אַפּריל לייענען מיר:

„דער פּלאַן פון דער רעאַקציע איז קלאָר: אין בלוט מוז מען דערטרינקען ניט נאָר די אַלגעמיינע אַגיטאַציע פאַר די רעוויזיע פון דער קאָנסטיטוציע, נאָר פריהער פאַר אַלץ די גרויסע זאַך פון דער אַרבייטער-אָרגאַניזאַציע, וועלכע די בעלגישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט פאַרנומען... זיי ווילען אויסמאָרען דעם פּראָלעטאַריאַט מיט בלוטצאַפּען און איהם צווינגען, ער זאָל זיך איבערגעבען אויף זייער רחמים...

„דאָס וועט אָבער ניט זיין. די פּאַסטקע, אין וועלכע מען וויל אונז אַריינכאַפּען, איז אָפען.

„מיר פאָדערען, ניט אָבטרעטענדיג אויף אַ טריט, דעם אַלגעמיינעם, גלייכען וואַהלרעכט, און מיר ווילען דאָס דערגרייכען. וואָס עס זאָל ניט זיין, דען דאָס איז דער איינציגער מיטעל צו דערשלאָגען זיך צו דער רעפאָרמע, וועלכע איז נויטיג פאַר דער מאָראַלישער און גייסטיגער אויפהויבונג פון דער אַרבייטערמאַסע. נאָר די אַרבייטערפּאַרטיי דאַרף ניט, כדי צו דערשלאָגען זיך צו די רעפאָרמען, שטעלען אין ריזיקע דעם בנין, וועלכען זי האָט אויפגעבויט פאַר אַ צייט פון פיעלע, פיעלע יאָהרען, און אָפּשר צושטערען איהם אויף

לאַנג, און דעריבער רופען מיר צום אַרבײַטערקלאַס מיט אַ הויכען קול: היט זיך! צושטערט דעם בלוטיגען פּלאַן, וועלכען אײַערע שונאים האָבען פאָרגענומען! געהט ניט — האַטש העלדיש, דאָך אונזיניג — אין די פּאַסטקע, וועלכע מען האָט אײַך געשטעלט! גענאָסען, וואָס עס זאָל ניט זײַן, מען דאַרף ניט מעהר קײַן בלוט!

„הייסט עס דען, אַז מען דאַרף זיך אָבזאָגען פון קאַמפּף?

„בשום אופן ניט, בשום אופן ניט, בשום אופן ניט,!!!

„מיר וועלען דעמאָנסטרירען דאָרט, וואו די דעמאָנס-טראַציעס זײַנען ניט פערוועהרט, מיר וועלען דעמאָנסטרירען אָהן געוואַלט.

„דאָרטען, וואו די דעמאָנסטראַציעס זײַנען פערוועהרט, בעטען מיר אונזערע גענאָסען, זיי זאָלען אויף קיין פאַל ניט געהען אויף די הריגות, אויף וועלכע עס האָפען אונזערע שונאים!

„מיר וועלען אָנהויבען דעם אַלגעמײַנעם שטרײַק, אַ פרי-ליכען, נאָר אַ מורא'דיגען אַלגעמיינעם שטרײַק! מיר וועלען בעהאַלטען אונזערע הענד אין די קעשענעס!...

„אין דעם אַלגעמיינעם שטרײַק איז אונזער ישועה".

על כן, דער שטרײַק דאַרף טראָגען אַ פריעדליכען כאַראַקטער. אַ רעוואָלוציע מיט באַריקאַדען ווערט אָנגענומען פאַר ניט צייטגעמעסיג און מען שטויסט איהר אָב פעסט איין מאָל פאַר אַלע מאָל.

בלייבט דער שטרײַק, אַלס אַ מיטעל צו שלאָגען איבער'ן געלד-בײַטעל, און דער שטרײַק. אַלס אַ דעמאָנסטראַציע. אויב אין דער פראַגע וועגען דער טאַקטיק פון „געוואַלט" האָבען די סאָציאַלדעמאָקראַטען שטרענג געהאַלטען זיך אָן אַ בעשטימטען פרינציפּ, זעהען מיר אָבער, ווען מיר געהען איבער פון דער פראַגע וועגען דעם, וואָס מען טאָר ניט טהאָן, צו דער פראַגע וועגען דעם, וואָס מען דאַרף יע טהאָן, אַז דאָ איז עפּעס ניט אַלץ אַזוי קלאָר.

די אָפיציעלע הסכמה פון צענטראַלען קאָמיטעט פון דער

פאַרטײַ, האָט דער אַלגעמײַנער שטרײַק בעקומען נאָר מיט 3—4 טעג פריהער פאַר דעם מאָמענט, אײדער אין פּאַרלאַמענט האָט געדאַרפט שוין אין גאַנצען ענטשלאָסען װערען די פראַגע װעגען דער רעװיזיע פון דער קאָנסטיטוציע. בײַ דער פערביסענקײַט, מיט װעלכער עס האָט זיך געפיהרט דער קאַמפּף, בײַ דער װאונדערליכער פעסטקײַט, װעלכע די רעאַקציע האָט אַרױס־געװיזען, איז אונמעגליך געװען צו ערװאַרטען, אַז פאַר אַזאַ קורצע צײַט, בעת דער שטרײַק האָט זיך נאָך קױם געקענט פאַנאַנדערהיצען, זאָל מען קענען האָבען אַזאַ מעכטיגע װירקונג אויף די רעאַקציאָנערע עלעמענטען פון לאַנד, אום צוברעכען זײער פערצװײפעלטען װידערשטאַנד און זײ צװינגען נאָכצוגעבען אין די פאָדערונגען. און אין אמת'ן האָט דער פאַקט, װאָס מען האָט ניט אָנגענומען די רעװיזיע, װעניג װעמען פערװאונדערט און װעניג װעמען געמאַכט אָבהענדיג; עס האָט זיך געפיהלט, אַז דער קאַמפּף שטעהט נאָך פאָר, אַז אױב דער אַלגעמײַנער שטרײַק איז אַ מיטעל צו צװינגען נאָכצוגעבען, קען מען דאָך זײַן װירקונג אַרױסזעהן נאָר נאָך אַ פערלויף פון אַ גרױסען משך צײַט; דער שטרײַק דאַרף דויערן לאַנג און זיך פיהרען מיט פעסטקײַט און אײַנגעשפּאַרטקײַט. די שטימונג איז אַ מונטערע אין דעם זעלבען טאָג, װען די פראַגע װעגען דער רעװיזיע פאַלט דורך אין פּאַרלאַמענט בײַ אַ מעהרהײַט פון 84 געגען 68 שטימען, בעשטימט דער צענטראַלער קאָמיטעט פון דער פּאַרטײַ: דעם שטרײַק מוז מען פיהרען װײַטער. אין די רעדעס פון די רעדנער אויף די פאָלקס-פערזאַמלונגען הערט זיך אַ טיעפע זיכערהײַט אין די אײגענע קרעפטען. נאָך דעם 19-טען אַפּריל חזר'ט איבער די צײַטונג „דאָס פאָלק": „דער אַלגעמײַנער שטרײַק איז אונזער ישועה".

אין אַ טאָג אַרום, דעם 20-טען אַפּריל, בעשטימט דער צענטראַלער קאָמיטעט — אויפהערען דעם שטרײַק.

װאָס-זשע איז דער עיקר פון דער זאַך? מיט װאָס קען מען ערקלערען אָט אַזאַ גיכע ענדערונג אין דער שטימונג?

עס איז געוועזען אונמעגליך צו פיהרען ווייטער דעם שטרייק— פערענטפערען זיך די אָנגעזעהענע בעלגישע סאָציאַלדעמאָ־קראַטען — איידער עס וואָלט זיך איינגעגעבען צו צווינגען די בורזשואַזיע, אַז זי זאָל נאָכגעבען, וואָלטען די אַרבייטער אויס־געשטאָרבען פון הונגער.

מיר וועלען זיך ניט אַריינלאָזען אין וויכוחים וועגען דעם; די, וועלכע פיהרען דעם קאַמפף, קענען אַליין בעסער וויסען די ווירקליכע קרעפטען פון זייער אַרמעע. אָבער צו דען האָבען זיי זיך געהאַפט צו דיעזען אמת נאָר דעם 20-טען אַפּריל, האַלטענדיג זיך אַ'ן אַנדער מיינונג וועגען דעם מיט אַ טאָג פריהער — דעם 19-טען אַפּריל? צו דען האָט מען דאָס ניט געקענט פאָראויס זעהען נאָך איידער דער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבען? האָט מען איינמאָל אַזאַ מיינונג וועגען דעם שטרייק, טאָ אויף וואָס קען מען האָפען אָנהויבענדיג איהם, און צו וואָס האָט מען איהם איבערהויפּט גענעדאַרפט אָנהויבען, אויב דער ווידערשטאַנד פון די בורזשואַ שטייגט אַריבער די קראַפט, וועלכע די אַרבייטער קענען אַרויסשטעלען געגען זיי?

און דאָ ווערט קלאָר, אַז ניט אויף דעם לאַנגען שלאָגען איבער די קעשענע פון די קאַפּיטאַליסטען האָבען געהאָפט די אָנפיהרער פון דער בעוועגונג, נאָר גאָר איינפאַך, אויף דעם שטאַרקען איינדרוק, וועלכען דער שטרייק האָט געזאָלט מאַכען אויף דער רעגירונג. אָנשטאָט צו זיין אַ מיטעל, וועלכער זאָל צווינגען דעם געגנער זיך אונטערצוגעבען, ווערט דער שטרייק אַ מיטעל צו אַ פרידליכער ווירקונג אויף די געזעלשאַפט־ליכע מיינונג, אָנשטאָט אַ געווער, מיט וועלכען מען קען צווינגען דעם געגנער, ווערט ער אַ פרידליכע דעמאָנסטראַציע.

און אָט דאָ טרעט אַרויס אויפ'ן סצענע דער גלויבען, אַז די ישועה וועט קומען פון קעניג.

„דעם קעניג געהערט איצט דאָס וואָרט", זאָגט וואַנדער־וועלד דעם 19-טען אַפּריל: „ער וועט דערוויזען, אויב ער איז אַ פאַפּירענער קעניג, אָדער אַ בורר צווישען די פּאַרטייען":

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז דער קעניג אַ פּאַפּיר־ענער, דער שטרייק פערליערט זיין זין און געהט אַראָב פון סצענע, דער קאַמפּף האָט זיך געענדיגט.

ערגעץ וואו הערען זיך נאָך פערדעמפּטע אָבקלאַנגען פון אויסגעבראָכענעם שטורם. ערגעץ וואו פּראָטעסטירען נאָך די אַרבייטער געגען אַזאַ אונערוואַרטעטען אָבטרעטען צוריק. דאָך נעהמט די אויבערהאַנד די פּאַרטיי־דיסציפּלין, מיט דער זעלבער בעוואונדערענדער אַחדות און דיסציפּלינירטקייט, מיט וועלכער דער בעלגישער פּראָלעטאַריאַט איז אַרויסגעטרעטען אין קאַמפּף, אונטערוואַרפט ער זיך איצטער דעם מאַניפעסט פון זיין צענט־ראַלען קאָמיטעט און לעגט צונויף זיין געוועהר.

אָט דאָס זיינען די הויפּט־מאָמענטען פון דעם בעלגישען קאַמפּף פאַר די לעצטע חדשים. מיר זיינען ווייט דערפון צו ערקלערען דעם דורכפאַל נאָר מיט די פעהלערען, וואָס מען האָט געמאַכט. עס וואָלט געווען צו דרייסט צו מאַכען סברות וועגען דעם, וואָס וואָלט געווען, אַז די טאַקטיק פון די בעלגישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען וואָלט געטראָגען אַ'ן אַנדער כאַראַקטער.

נאָר דערמיט פערקלענערען זיך ניט די פעהלערען, וואָס מען האָט געמאַכט, און זיי כאַראַקטעריזירען איז געווען אונזער אויפגאַבע.

* *
*

דער שלוס פון די בעשריבענע פּאַסירונגען איז: דער עקסטרע־צוזאַמענפאָהר פון דער בעלגישער פּאַרטיי, וועלכער איז צוזאַמענגערופען געוואָרען אין די ערשטע טעג פון מאַי מאָנאַט, און די וואַהלען אין פּאַרלאַמענט, וועלכע זיינען פאָר־געקומען צום סוף פון דעם מאָנאַט.

די ערשטע פראַגע, וועלכע מען האָט געשטעלט אויף די בעטראַכטונג פון קאָנגרעס, איז געווען — די פּאָליטישע לאַגע, אָדער אַנדערס געזאָגט, די פראַגע וועגען די לעצטע פּאַסירונגען. ווידער לאָזט זיך הערען די שטורמדיגע רעדע פון דעסטרעע,

וועלכער פאַלט אָן מיט היטץ אויף די אויפפיהרונג פון דעם צענטראַלען קאָמיטעט. אַ גאַנצער שטורם פון צאָרן הויבט זיך אויף געגען די אָנפיהרער פון דער בעוועגונג. נאָר דער צוציהענדער כח-הדבור פון איינעם פון די געאַכטעסטע פיהרער, אַנסעל, בערוהיגט די צוהיצטע געפיהלען. ווי עס ווייזט אויס, ניט וועלענדיג אונטערגראַבען אין דעם איצטיגען שווערען מאָמענט פאַר די אויגען פון די טריאומפירענדע שונאים דעם גלויבען אין זיין צענטראַלען קאָמיטעט, ערקלערט דער קאָנגרעס זיין צוטרוי צו דעם צענטראַלען קאָמיטעט, און בעגייסטערט פון דעם בּרענענדיגען אויפרוף פון דעם זעלבען אַנסעל, געהט זיך פאַנאַנדער דער קאָנגרעס מיט דעם געזאַנג פון דער „אינטערנאַציאָנאַלע", לאָזענדיג די לאַגע פונקט אַזוי אונערקלערט, ווי זי איז געוועזען פריהער, און ניט בעטראַכטענדיג אפילו די צווייטע וויכטיגע פראַגע — וועגען די וואַהלען, וואָס שטעהען פאַר.

דעם 25-טען מאי האָבען זיך געדאַרפט אָנהויבען די וואַהלען אין פאַרלאַמענט, מען האָט געדאַרפט אויסקלייבען פון דאָס ניי אַ העלפט דעפּוטאַטען און דערצו נאָך 14 דעפּוטאַטען, וועלכע האָבען געמוזט צוקומען צוליעב דעם צוואוואַקס פון דער בעפעלקערונג.

די וואַהלען האָבען אָבגעשפּיגעלט אין זיך דעם טריאומף פון דער רעאַקציע, וועלכע האָט געטאַנצט פון פרייד. אויב פריהער האָט די אָפּאָזיציע געהאַט אין פאַרלאַמענט 66 [1]) דעפּוטאַטען געגען 86 קלעריקאַלע דעפּוטאַטען, האָט איצט די אָפּאָזיציע אין איהרע רייהען 70 דעפּוטאַטען, די קלעריקאַלען

---

[1]) אין 1900 האבען די סאציאלדעמאקראטען בעקימען 31 דעפוטאטען, די ליבעראלען 34 און די קריסטליכע דעמאקראטען 1, אלזאָ די גאנצע אָפּאַזיציע צוזאמען—66 דעפוטאטען. אין 1902 האבען די סאציאלדעמאקראטען בעקומען 34 דעפוטאטען, די ליבעראלען זיינען געבליבען ביי זייערע 34 און די קריסטליכע דעמאקאראטען האבען בעקומען—2, אלזאָ די גאנצע אָפּאָזיציע צוזאמען 70 דעפוטאטען.

96. די רעאַקציאָנערע מעהרהײט בעשטעהט איצט אָנשטאָט דער פריהערינגער צאָהל 20 מאַן — פון 26.

די לעצטע בעלגישע פאַסירונגען האָבען געגעבען פיעל שטאָף דער מערב-אייראָפּעאישער פרעסע. אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער ליטעראַטור האָבען זיך פאַנאַנדערגעבּרענט ויכּוחים וועגען דער פראַגע, צו האָבען ריכטיג אָדער ניט ריכטיג געהאַנדעלט די בעלגישע גענאָסען, וועגען דעם, צו טויגען אָדער טויגען ניט די אָדער יענע פאָרמען פון קאַמפף, וועגען דער בעדײַטונג פון פאַרלאַמענטאַרישע טהעטיגקײַט און א גאַסען-רעוואָלוציע. א. ד. גל.

די בורזשואַזע פרעסע, וועלכע האָט אין דער צײַט פון קאַמפף גופא אויפגעהויבען א ליאַרם און גערופען אַלע קללות פון הימעל אויף די קעפּ פון די צושטערער פון דער רעגירונגס-אָרדנונג, האָט איצט, אַז דער פּאָליטישער האָריזאָנט האָט זיך אָבגערייניגט פון די חמאַרעס, אָנגעהויבען צו שפּיעלען פרעה-ליכע ניגונים אויף דער טהעמא וועגען דעם קריזיס אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וועגען איהר שוואַכקײַט, וועגען דער גאָהענטקײַט פון איהר סוף א. ד. גל.

מיר דאַרפען דאָ ניט רײדען וועגען דעם, אויף וויפּיעל מיר זײַנען ווײַט פון דעם, צוצושטעהן צו די זען כאָר פון דער טריאומפירענדער און פוסט-פלאַפּלענדער בורזשואַזיע. עס פער-שטעהט זיך, אַז אויב מען זאָל האָבען אין זינען נאָר דעם הײַנטיגען טאָג, זעהט מען קלאָר דעם שווערען קלאַפּ, וועלכען אונזערע גענאָסען האָבען בעקומען, און דעם בעדײַטענדען נצחון פון דעם קלעריקאַליזם. נאָר פרעהען זיך מיט אַ'ן אויגענבליק-ליכען נצחון לאָזען מיר איבער פאַר די אַנדערע פּאַרטײען. פאַר זיי, פאַר די פאָרשטעהער פון בורזשואַזע אינטערעסען און בור-זשואַזע שטימונגען, פאַר זיי פּאַסט „צו חאַפּען דעם מאָמענט פון תענוג" און, פערמאַכענדיג די אויגען, אָבשטופּען פון זיך מיט בײדע הענד יענע אונאַנגענעהמע צוקונפט, פון וועלכער זיי האָפען זיך צו בעפרײען, אָבקעהרענדיג זיך פון איהר, גלײַך ווי

דער שטרוים, וועלכער בעהאלט זיין קאפ און מיינט, אז קיינער זעהט איהם שוין ניט. דערווייַלע אבער געהט זי, אט די שרעקליכע צוקונפט, פאמעלעך, גאר אהן א'ן אויפהער צורוקענדיג זיך צו זיי, און טרעט ארויס אין איהר גאנצער בעדייטונג פאר יעדען דענקער, וועלכער איז נאר פריי פון די בורזשואזע שטימונגען. האבענדיג אין זינען אט די טרויעריגע צוקונפט, וואס ערוואַרטעט אונזערע שונאים, קוקען מיר אויף די פערגאנגענע פאסירונגען, און געפינען דארט אזעלכע זייטען, וועלכע וועט ניט וועלען פערשטעהן און וועט ניט זיין אימשטאנד אבצושאצען א קורצזיכטיגער בורזשוא. זאל זיין, אז דער קאמפף איז פערשפילט, נאר נאך אזא נצחון — און דער שונא וועט בלייבען אהן קרעפטען. דער גרויסארטיגער בילד פון דער ארגאניזירטקייט, פון דער אונבעגרענצטער איבערגעבנהייט צו דער זאך, פון דעם קלארען פערשטאנד פון זיינע אויפגאבען, פון דער אויפפאלענדער פארטיי-דיסציפלין, — אט דאס איז די לינקע זייט פון דעם מעדאל, וועלכע א בורזשואזער געשיכטשרייבער פון דער בעוועגונג קען ניט בעמערקען. אט די ריזיגע ענערגיע און אויסגעהאלטענע פעסטקייט, אט די בעוואוסטזיניגקייט און סאלידאריטעט פון דער הונדערט-טויזענדיגער ארמעע פון בעלגישען פראלעטאריאט — אט דאס איז די ליכטיגע און די הארץ-ערפרעהענדע זייט פון די לעצטע פאסירונגען, דאס פערהיט אונז, די סאציאליסטען פון דער גאנצער וועלט, פון אומעדיגע בעשלוסען און שלעכטע פאראויסזעהונגען און גיט אונז די מעגליכקייט, מיט א מוטהיגער און רוהיגער האפנונג דרייסט צו קוקען דער צוקונפט אין די אויגען.